STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10823

MEDRESH PINHES

Moisei Semenovich Altman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אַלטמאַן

מדרש־פנחס

(נאָך מאָטל אומרו׳ס בלעטלעך)

ראָמאַן

פארלאג „שלום עליכם" בוקארעשט

Copyright by M. Altman, București / Verlag „Schalom Aleichem"
Tipografia „S L O V A" A. Feller, Doamnei 3 — București
MINKOFF

מיין טאטן, דעם ערלעכן האָרעפּאַשניק,
אנשטאט א פּרק משניות, וואָס כ'האָב אים
צוגעזאָגט און — קיין וואָרט ניט געהאלטן.

מדרש־פּנחס

(נאָך מאָטל אומרו'ס בלעטלעך)

פאָרוואָרט

דער מחבר באַדויערט זער, וואָס ער מוז אָנקומען צו אַן הקדמה: ער האלט מיט דער מיינונג, אַז אַ בוך דאַרף זיך אָנהייבן לכל הפחות מיט איין בלעטל פאָראויס פאַרן שער־בלאט. ער מוז אבער דאָס מאָל גיין אויף אַ פשרה מיט זיך, צוליב דעם לייענער.

דער בוך איז געבויעט אויף פאַרטיקן מאַטעריאַל: מאָטל אומרו׳ס פאַרצייכענונגען, זיינע „בלעטלעך". דער בוך איז א רעסטאוורירונג־פרווו פון א ווינקל פון א סביבה אין א געוויסער צייַט. ער איז א „ראָמאנסירטער" קאָמענטאר. אָבער דער גאנצער בוך געפונט זיך אונטער דער השפעה און צייטנווייז אפילו אונטערן דרוק פון מאָטלס „בלעטלעך". מאָטלס רעפלעקס־עס זענען פיל מאָל אריינגעקומען אין טעקסט און ס׳איז ניט אָנגעוויזן, אז זיי זענען זיינע. אין סוף פון בוך

ק ו מ ע ן ע ט ל ע כ ע אָ ר י ג י נ ע ל ע ב ל ע ט ל ע ך פ ו ן מ אָ ט ל ע ן . דער לייענער וועט זיך קענען שאפן א באגריף וועגן דעם „אומרו״. דער לייענער קען טון אויך אזוי: לייענען פאראויס מאָטלס „בלעטלעך״ און דערנאָך אָנהייבן די אייגנטלעכע דערציילונג. ער וועט זיכער אנטדעקן סתירות צווישן מאָטלען און צווישן מחבר אין דער אויפפאסונג פון די כאַראַקטערן פון די פאַרשוינען. עס איז אומפארמײַדלעך, ווייל מאָטל איז אליין א „צד״, א נוגע בדבר. און דערצו איז ער אַן עקזאלטירטער, ווי עס איז צו זען פון זײַנע בלעטלעך.

פון מאָטלס אַ בריוו.

··· און אָט האָב איך דיר נאָך עפּעס צו דערציילן· וועסט דיר מעגן טראַכטן פון דעם וואָס דו וועסט קענען, און איך האלט מיך אלץ מיט מיין אַלטן פעלער — ווי דו פלעגסט זאָגן — וואָס לאָזט מיך נישט באנוצן אפילו מערער ווי דריי־זילביקע ווערטער· דו ווייסט דאָך שוין וואָס:

— פאַראַן בחירה, צי ניין?

··· דו האָסט מיר אַמאָל פאָרגעוואָרפן מיין אכזריות, למאי איך האָב מיינעם א פעטער א שכיב־מרע, אין זיין גסיסה־אנגסט, געפרעגט:

— פעטער, פאַראַן בחירה?

טויט מיר נאָר באנג, וואָס ער האָט ניט געענטפערט און איך ווייס ניט ביז היינט, צי ער האָט ניט געוואָלט, צי ניט געקאָנט·

··· און בעטן בעט איך דיך, דו זאָלסט מיר נישט פאַרמאַכן דאָס מויל מיט דער טענה, אַז בשעת איך גריבל מיך אין אלטן אַבסטראַקציעס־שימל, שטייען מענטשן אין פעלד אונטער א בראָטנדיקער זון און ארבעטער אין

פאבריקן טרײַבן פון זיך די נשמה ארויס. מ י ר װ י ל ס ט ו ע ס ד ע ר צ י י ל ן ?...

... נאָר װאָס קענסט דו מיר ענטפערן, אַז דער, װעלכער האָט אלצדינג דורכגעליטן, יוסף אליין, האָט מיך נישט מער װי מיט א מימרא אָפּגעפּטרט:

— מאָטל, איר האָט עס זיכער נישט...

... װי אזוי זשע זאָל איך עס מיר טײַטשן? עס איז מיר פון אינעװײניק קלאָר, אַז אויב איך האָב נישט קיין בחירה, האָט ער, יוסף, אויך נישט געהאט. װייל ער איז דאָך געװען א געלײַטערטער איך. און אויך די באציונגען אונדזערע, אָט די שװײַגנדיקע באציונגען אָן פּרעטענזיעס און אָן אינטימיטעטן, זענען דאָך עדות װעגן דעם! און דאָס װאָס איך בין געשטאַנען אין אַ זײַט, בשעת אנ־דערע... אודאי האָב איך געמוזט שטייען אין א זײַט! װען קיין שאָטן זאָל נישט זיין, װאָלט דאָך דאָס בילד אפשר נישט געװען.

... און איצט נעם די עטלעכע בלעטלעך, דאָס ביסל אַש פון אים און אויך פון מיר, און טו זייער רעכט.

איך גיב זיי דיר איבער דערפאַר, װײַל דו האָסט דאָך יאָ בחירה... אַ סימן: דו ביסט פּיקסירט פעסט אין איין באָדן, בשעת איך בין נאָך אלץ א שפּיל צו אלע װינטן.

מ אָ ט ל.

פּאָסט סקריפּטום. איך שיק דיר דאָ איבער אויך זײַן דײַטשע ביבל און דאָס קליינע ספר׳ל. די בריװ מאַריאַנעס אין אָריגינאל בלײַבן ביי מיר. זיי װעלן שוין טיילן מײַן גורל.

מ.

יוסף

... די געשיכטע וואָלט געקענט דערציילט ווערן אזוי:

דאָס איז געווען בשעת דער מלחמה, וואָס מ׳האָט געהאלטן פאַר דער גרויסער און א טייל אומגליקליכע האָבן זי אויך געהאלטן פאַר דער לעצטער.

אין ווינטער 1917—1916.

אין א שטאָט א מיטלגרויסער, גיכער א פראָווינציעלער, אין הינטערלאנד פון איינעם פון די קריגספירנדיקע לענדער, האָט זיך צו יענער צייט געפונען א גרופע פרעמדע יידישע יונגע־לייט, צונויפגעלאָפענע און צונויפגעבראכטע פון ארבע פינות עולם, קריגס־געפאנגענע, וואָס מ׳האָט אָפגעלאָזן פונם לאגער צוליב פארשידענע סיבות, ציוויל־געפאנגענע און אויך אנטלאָפענע.

דאָס איז געווען א עולם דורכגעגרויכערטע ליולקעס; יונגע נאָר געפרוווטע חברה, האָבן זיי זיך גיך צוגעפאסט צו די אומשטענדן, און נאָך א היבשער צייט פון יסורים האָבן זיי געלעבט כמעט פריי: מ׳האָט געהאנדלט געהאנדלט, ספעקולירט אויף דער בירזשע... צונויפגעלאָפענע

פון דער גאָרער וועלט, האָט יעדער איינער פאַרמאָגט א אנדער „פאַך”, האָבן זיי זיך גענומען צו אלעמען: מעדי־קאמענטן, מאנופאקטור, בראָדעריע, קאָרטן... פון הערן און בעדענקען. אָפגעריסן פון אייגענע, אין א לאגע וואָס האָט אויסגעוויזן, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט ענדיקן, האָט מען זיך פאמעליכן דעמאָראַליזירט, פארגעסן אין די געבוירענע היימען, זיך געשאפן פראָוויזארישע פאמיליעס, מ׳האָט זיך אשאוועט. איינער א יונגערמאן אנ׳אָנפאנגער שרייבער, וואָס די מלחמה האָט אים געטראָפן אין סאמע אָנהייב פון זײַן אנטוויקלונג, האָט זיך דאָ אײַנגעאָרדנט, און ניט באָר ווי־דער אָנגעהויבן שרייבן, נאָר אויך אונטערגענומען אַ באדייטנדע פראָפאגאנדע פאַר יידישער קולטור צווישן דעם פּראפאניסטישן ישוב פון דער שטאָט. ער האָט אָר־גאניזירט פאָרלעזונגען, פאָפולאריזירט יידישע ליטעראטור, פאָרגעלעזן זײַנע אייגענע זאַכן און אויך די קלאַסיקער, ער האָט געגרינדעט א קערנדל פון יידישן טעאטער, וואָס האָט אין דער אַסימילירטער סביבה געהאט גאָר א גרויסע פעולה, ער האָט געהאט דערפאָלג.

עס איז אפשר ניט איבעריק צו באמערקן, אַז די גרופּע יונגע לייט וועגן וועלכער עס איז אויוון דערמאנט, כאָטש זי איז באשטאנען פון צונויפגעלאָפענע און פון פארשידנארטיקע פארשוינען, האָבן זיי דאָך דאָ געביל־דעט א מין געמיינשאפט, זיך אונטערגעהאלטן איינס ס׳אנדערע, גלייך זיי וואָלטן געווען איין משפחה, גרייט געוועזן אין פייער ארייַן איינער פאַרן אנדערן. אזוי ארום האָבן זיי אויך געשטיצט דעם שרייבער אין דער ערש־טער צייט, איידער ער האָט זיך געמאכט א וועג אין דער פארמעגלעכער געזעלשאפט צווישן דער אלטגעזעסע־

נער יידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. פון דער גרופּע האָט דער שרייבער צום אנהייב רעקרוטירט זיינע שוישפּילער... זיי זענען אויך געווען דאָס ערשטע קערנדל פון זײַן אוידיטאָריע. זיי האָבן אין א געוויסער מאָס אים אויסגעטראָגן אויף זייערע אַקסלען, כאָטש דער גרעסטער טייל פון זיי האָט פריער קיינמאָל קיין בוך אין די הענט ניט געהאַלטן און ניט געהאַט אפילו קיין באגריף אין די אַלע זאַכן, פאַר וועלכע זיי זענען איצט געוואָרן שותפים צום קעמפן... עס איז אפשר אויך כדאי צו דערציילן, אַז דחקא יענע וואָס זענען פון דער היים געווען אינטעליגענטן, האָבן זיך געגעבן אָן א זייט און נישט נאָר ניט צוגעהאָלפן, נאָר אפילו געשטערט מיט ליצנות, מיט חוזק.

אין דעם דאָזיקן ווינקל פונם לאַנד, ווײַט פון די שלאַכט־פראָנטן, האָט זיך די מלחמה ניט באַזונדערס געפילט. עסנוואַרג איז געווען לרוב, צו די מלחמה־ידיעות, צו די מפּלות ווי צו די נצחונות האָט מען זיך צוגעוווינט, און עס וואָלט נישט מעגליך געווען צו זאָגן באַשטימט, וואָס האָט געפרייט און וואָס טרויעריק געמאַכט: מען האָט שוין קיין שום גוסס פון דער מלחמה ניט דערוואַרט, סײַ ווי אזוי זי וועט זיך ענדיקן. די אָפּיצירן פונם אָרטיקן גאַרניזאָן האָבן געלעבט א גוטן־טאָג. דאָס זעלבע דאָס רײַכע בירגערטום. די מלחמה האָט זיך באַזעצט ברייט אין באַוווּסטזיין ווי א אומפאַרמײַדלעכע אומהיילבאַרע חולאת. יענע וואָס זייערע נאָענטע זענען געווען געפאַנגען, האָבן זיך געמאַכט שוין קליינע צרות. און די אַנדערע וואָס האָבן די נאָענטע פאַרלוירן, האָבן שוין ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. מען האָט געלעבט אין דער מלחמה ווי

א פארלוירענע אין א שאנד־הויז. עס איז געווען ווינ־טער 1916.

ענדע זומער פון יענעם יאָר, איז אהין פאַרוואָרפן געוואָרן נאָך איין יידישער יונגערמאן, ער האָט געהייסן יוסף. מערער האָט מען פון אים נישט געוווסט. ער איז געווען א מיטלוווקסיקער, א דאַרער מיט א אויסגעמאַ־טערטן פאַרשטיינערטן פנים, נאָכן אויסזען א אינטערנירטער דעזערטיר. ער האָט זיך געהאלטן פון דערווייטנס ווי א קאַטשקע אין א שטייג אומבאקאנטע הינער, און חברה האָט אים אויסגעמיטן, אים חושד געווען אפילו צום אָנהייב, אז ער איז א „שפּיצל“. דער חשד איז אָבער גיך אוועקגעפאלן, ווייל יוסף האָט קיינעם נישט נאָכגע־שפּירט. ער האָט זיך בכלל מיט גאָרנישט נישט אינטערע־סירט. ער האָט געוווינט אין אָרימסטן שטאָט־פּערטל, קיין שום מסחר נישט געפירט, געלעבט זער קאַרג, באשיימפּערלעך געהונגערט...

אין א קורצער צייט ארום איז ער געוואָרן א שווייגנדיקער מיטגליד פון דער גרופּע. ער האָט אָנגעהויבן אריינגייען צו נאָ פּאָר באקאנטע פאַמיליעס, וווּ א טייל פון דער גרופּע האָט פאַרקערט, אָבער אויך דאָ זיך גע־האלטן פאַרשלאָסן און ווי בכוונה אָפּגעזונדערט.

דער שרייבער האָט געהאט אפילו א שטיקל פאַרדאַכט, אויב ער האָט נישט צוטון מיט א בארופס־ברודער, האָט זיך אָבער גיך איבערצייגט אין זיין טעות, ווייל יוסף, כאָטש ער האָט גאנץ גוטוויליק אויסגעהערט דעם שרייבער, האָט ער אָבער אליין זעלטן געלאָזט הערן א מיינונג איבער ביכער אָדער שרייבער, אזוי אז דאָס ביסל וואָס ער פלעג יאָ זאָגן, איז אויסגעקומען ווי א סורפּריז, ווייל

מ׳האָט געהאט געווינטלעך דעם איינדרוק, אז ער האָט קיינמאָל ניט געלייענט. ער האָט אויך קיינמאָל ניט פאַרלאַנגט פון עמיצן מ׳זאָל אים אַנטלייַען א בוך, און ווען דער שרייַבער פלעג אים אמאָל לויבן א ווערק א בארימטס, האָט ער קיינמאָל נישט אויסגעדריקט קיין ווונטש עס צו לייענען. דאָס איינציקע צו וואָס ער האָט יאָ ארויסגעוויזן אינטערעס, איז געווען דאָס טעאטער, וואָס דער שרייבער האָט געפרוווט שאַפן. ער האָט אפילו אויף זיך איין מאָל געהאט גענומען די ארבעט פון א סופלאָר...

ער האָט אויך קיין צייַטונגען ניט געלייענט. מען האָט באַמערקט, אַז ווען מען רעדט אין זיין אנוועזנהייט פון דער מלחמה אָדער וועגן וויכטיקע געשעענישן אויף די פראָנטן, רוקט זיך אָן אַ כמאַרע אויף זיין פנים, און ניט איינמאָל פלעג ער א ציטער טון, ווי א פיבערנדיקער.

מיט דער צייַט איז מען דערגאנגען, כאָטש ס׳האָט קיינער ניט געוווּסט ווי ארומעט, אַז ערגעץ פון יענער זייַט גראָבנס מיטן שטעכנדיקן דראָט האָט ער א פרוי מיט א קינד.

צווישן די אויטאכטאנע פאַמיליעס וווהין די יונגעלייט פלעגן אַמאָל ארייַנגייַין פארברענגען, איז אויך געווען איינע א געוויסע פאַמיליע קראָכמאל. עס איז גאַנץ מעגלעך, אז די משפחה זאָל געווען זיין א צווייַג פון דער גוט־באַקאַנטער משכילישער גאַליציאנער משפחה. עס איז אָבער קיינעם ניט געליגן אין זינען די זאַך נאָכצופאָרשן, ניט אלע פלעגן קומען אַהין, ווייַל איבעריק פריילעך האָט מען זיך דאָרט ניט געפילט. עס איז געווען

אביסל א משונהדיקע פאַמיליע, מיט מאָדנע באַציונגען צווישן מאַן און ווײַב, ניט יעדן גלוסט זיך אין אַזאַ שטוב אַרײַנצוקומען. דער מאַן, ברוך קראָכמאַל — ער פלעג זיך אַמאָל אליין קרוינען מיטן לאַטייניש בענעדיקט — איז געווען א מענטש פון א יאָר זעכציק, האָט אָבער אויסגעזען נאָך עלטער. א פלעגמאַטיקער, א פאַרענגדיקטער טיפּ פון א אָרנטלעכן באַאַמטן, וואָס אַרויסקומענדיק אויף פּענסיע, נאָך צענדליקער יאָרן רעגולערער דינסט, אַרבעט שוין ווייטער זײַן פּסיכישע אַפּאַראַטור אין ריטם פון זײַן אַמאָליקער באַשעפטיקונג. ער האָט אויך געקענט זײַן פון יענע אַמאָליקע זער מיושבע מענטשן, באַלעבאַטישע מעק־לערס משכילים, וועלכע האָבן מערער אין זינען געהאַט דעם מורה־נבוכים און דעם בלאַט ווי אַלע געשעפטן, וואָס זײַנען דורך זיי געשלאָסן געוואָרן און אפשר אויך ווי די פאַמיליע.

ברוך — בענעדיקט — קראָכמאַל האָט פאַרמאָגט א גאַנץ חשובן קאַפּיטאַל לויטן באַגריף פון פרידנס־צײַט, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה. נישט געווינט צו אַזעלכע איבערראַשונגען, נישט צוגעפּאַסט צו די נײַע אומשטענדן, ער דער מענטש פון אויסשליסלעך פרידנס־צײַט, און אפשר איז דאָ גלײַכער צו זאָגן אין מערצאַל: פון פרידנסצײַטן, אָפּגעלעבט אַ לעבן אין און פון צוטרויען, צוטרויען פון יענעם צו אים, פון אים צו אנדערע, האָט קראָכמאַל נאָך אין ערשטן קריגס־יאָר איינגעקאַסירט זײַן קאַפּיטאַל, פאַרוואַנדלט אַלצדינג אין באַרעס געלט און אַרײַנגעטראָגן אין דער מלוכה־באַנק. וועמען מער האָט געקענט געטרויען א מענטש ווי ברוך — בענעדיקט —

קראָכמאלן?... ווער קען זיין נאָך אַזאַ בטוח ווי די מלוכה?...

עס איז מעגלעך — דאָס שיינט צו זיין אפילו זיכער — אז צווישן די סיבות וואָס האָבן באַוויגן קראָכמאלן זיך נוהג צו זיין אזוי ווי מיר האָבן עס העכער דערציילט, האָט ניט קיין קליינע ראָל געשפּילט די אי־בערלעכע לאגע פון זיין פאמיליע, די אָנגעלעגנהייטן, וואָס האָבן געמאַכט אַזאַ משונהדיקן איינדרוק אויף די זייטיקע מענטשן, וועלכע זענען געקומען אין באַריר מיט דער פאַמיליע. ברוך — בענעדיקט — איז געווען עלטער פון זיין פרוי מיט גאנצע צוועלף יאָר און אפשר נאָך מיט א עודף. דערצו נאָך איז פונקט ווי ער איז געווען געעלטערט מער ווי געוויינלעך לויט זיינע יאָרן, איז זי געווען יונגער ווי איר נאַטירלעכע עלטער. א שיינע קרעפטיקע פרוי, האָט זי ביי אירע אַכט און פערציק יאָר אויסגעזען ווי פון פערציק. גלייך זי האָט זיך פאַרהאַלטן ביי יענער עלטער־גרעניץ, זיך פארפעסטיקט ווי אין א טראַנשעע...

ווען עס זאָל אונדז אינטערעסירן די פראגע, ווי אזוי עס פאַסירט וואָס א טייל פרויען אין אַזאַ עלטער, ווען אנדערע האָבן שוין א פּנים פון זקנות, בלייבן נאָך יונג, שיין, פול מיט טעמפעראַמענט, וואָלט מען אין געגעבענעם פאל צווישן פאַרשידענע מערערע סיבות, וואָס זענען אלעמען באַקאַנט, אויך געקענט אָנגעבן אלס היפּאָטעזע דעם פאַקט, וואָס אירע עלטערע קינדער, צוויי זין, זענען נאָך גאָר יונג, כמעט קינדער, אַוועק קיין אמעריקע, צו קרובים און מיט די איבעריקע קינדער — זי האָט נאָך געהאט בערך א האלב טוץ — האָט זיך פארנומען ריטא, די בת־יחידה וואָס זי האָט געבוירן ווען אליין איז זי שוין געווען

קרוב צו דרייסיק. ריטא איז אזוי ארום געווען די עלטסטע אין שטוב. די איבריקע זענען געווען קליינוואַרג פון פאַר־שידענעם עלטער, דאָס עלטסטע יונגל איז אלט געווען א יאָר צוועלף.

אינעם אלטן קראָכמאַלס חשבון איז וואַרשיינלעך געשטאַנען אויפן ערשטן פּלאַן — ריטא.

אויב מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן אויף מאָטל אומרו׳ס „בלעטלעך״, לויט וועלכע מיר ווילן רעסטאַווּרירן די אייגנטלעכע געשיכטע, קומט אויס, אז ס׳איז פאַראַן א גרונט חושד צו זיין, אז די אנדערע קינדער, די קלענערע נאָך ריטאַן, זענען געקומען אויף דער וועלט קעגן דעם ווילן פונם אלטן קראָכמאַל. דאָס הייסט נישט, אז עס איז פאַראַן עפּעס א חשד אויף דער געטריישאַפט פון פרוי קראָכמאַל, לחלוטין נישט. נאָר פשוט: זי, א קרעפּטיקע שיינע יונגע פרוי האָט פאַרמאָגט די נויטיקייט צו האָבן קינדער. און ער, דער אָפּגעקילטער כמעט אלטער מאַן, האָט זיי נישט געוואָלט. און ווידער: עס זענען פאַראַן מענער, פונקט ווי פרויען, וואָס האָבן א נאַטירלעכן דראַנג, א אינעווייניקסטן טיף באַדערפעניש צו האָבן קינ־דער, בשעת אנדערע האָבן נישט קיין אנונג פון אַזאַ מין באַדערפעניש. עס איז מעגלעך, אז ברוך — בענעדיקט — קראָכמאַל האָט געהערט צום אנדערן סאָרט מענער. ווי עס זאָלן נישט זיין דאָך די מאָטיוון, זיכער איז, אז קראָכ־מאַל האָט שטאַרק געהאַלטן פון זיין טאָכטער און לחלוטין זיך נישט אינטערעסירט מיט די קלענערע...

אָט די באַציונג פונם אלטן האָט וואַרשיינלעך געהאַט א ווירקונג, א להפכדיקע, אויף דער באַציונג פון מאַדאַם

קראָכמאַל צו אירע קינדער. זי האָט פאַרגעטערט די קלע־בערע, די יונגלעך, און פיינט געהאַט די טאָכטער. די שנאה צו איר טאָכטער האָט פרוי קראָכמאַל אפילו ניט געפרווט פאַרבאָרגן פאַר פרעמדע. דער ערשטער בעסטער מענטש וואָס איז געקומען אין שטוב אַרײַן, האָט באַלד געמוזט באַמערקן, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדנונג.

די מאָדנע אַטמאָספער פון דער שטוב האָט מסתּם געהאַט אַ שטאַרקע השפּעה אויף די פאַרבינדונגען פון דער משפחה מיטן דרויסן... אַזעלכע משפּחות בלײַבן סוף־כּל־סוף איזאָלירט, אָן פרײַנט, אָן קרובהשע באַציונגען; און וואַרשײַנלעך דערפאַר איז ריטאַ פאַרבליבן, אַזוי צו זאָגן, אַן „אַלטע מויד", לויט די באַגריפן פון דער קאָנ־סערוואַטיווער סביבה אין יענער שטאָט און אפשר אין גאַנצן קאַנט אין יענעם, ווו סיי בײַ יידן סיי בײַ קריסטן, האָט אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר שוין געהייסן אַן „אַלטע מויד".

די זאָרג פאַר ריטאַס צוקונפט האָט געמוזט שפּילן אַ ראָל אין ברוך קראָכמאַלס באַשלוס צו פאַרוואַנדלען זײַן גאַנץ פאַרמעגן אין געלט און אין מלוכה־פּאַפּירן, וואָס די רעגירונג האָט „גאַראַנטירט", און עס פאַרטרויען דער מלוכה־באַנק. דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ פאַרזיכערונג פאַר ריטאַס צוקונפט. אינדערווײַל האָט ער גערעכנט צו לעבן פון דער רענטע און פון די צינזן.

אינגיכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי ביטער ברוך קראָכמאַל האָט געגרייזט. די פּרײַזן אויף אַלע געברויך־אַרטיקלען זענען קאַפּשווינדלדיק געשטיגן, ווערענד דאָס געלט האָט אַלץ מער און מער פאַרלוירן אין ווערט.

צו יענער צייט, צו וועלכער עס באציט זיך די געשיכטע וואָס מיר רעסטאווריר, איז די פאמיליע געבליבן אין א שווערער לאגע. אומזיסט האָט פרוי קראָכמאל געטענהט צום מאן, ער זאָל ארויסנעמען כאָטש א טייל פונם געלט און טון מסחר ווי די גאנצע וועלט. דער אלטער האָט אפילו ניט געוואָלט הערן. א מידער פון די טאָג־טעגלעכע סצענעס, האָט ער זיך אָפגעזונדערט אין א חדר מיוחד, אין פליגל פון זיין גרויסער באלע־באטישער דירה, דעם זעלבן פליגל אין וועלכן ס'האָט געוווינט מאריאנעס משפחה. ער האָט מער פון גאָרנישט נישט געוואָלט וויסן...

פרוי קראָכמאל האָט געמוזט דעמאלט אליין זיך נעמען צו מסחר. די שטוב מיט די קינדער, מיטן אלטן, די באלעבאטישקייט דאָס אַלץ איז איצט געפאַלן אינגאנצן אויף ריטאן.

ריטא האָט דעם עול געטראָגן מיט געדולד, מיט איבערגעבנקייט געזאָרגט סיי פאַר די קלענערע ברידערלעך סיי פאַרן אלטן טאַטן, איבערגעטראָגן אָן א וואָרט פון פראָטעסט אלע וויאָלענטע אויסברוכן פון דער מוטער. איר געדולד איז דערגאַן אזוי ווייַט, אז זייטיקע מענטשן האָבן געהאלטן זי פאַר זער א באגרעניצטער, געווען גרייט, אָן א שום רעכט דערויף, אויך אזוי זי צו באַהאנדלען. דאָס מיידל האָט דאָס אויך איבערגעטראָגן מיט אַ סבלנות, וואָס נאָר א גרויסער רעזערוו פון אינערלעכער תקיפות קען גיבן כוח דערצו. דאָס אינערלעכע לעבן ריטא'ס האָט אָבער קיינער ניט באמערקט, סיידן אפשר, אין א מאָמענט פון פּאָעטישער ניכטערקייט, דער שרייבער, כאָטש קינסטלער זענען געוויינטלעך צופיל עגאָצענטריש

אויף צו באמערקן יענעם··· פון מאָטלס בלעטלעך איז קלאָר, אז ער, דער אומרו, האָט זיך שפּעטער מיט יאָרן איבערלעגט, דערזען די גאנצע חשיבות פון דעם מיידל· צו וואָס נוצט אָבער אַזאַ שפּעטע אנערקענונג?··

צי האָט זי כאָטש באמערקט יוסף, ער וואָס, לויט עס שיינט פון מאָטלס ענטוזיאזם, זאָל געווען זיין א מענטש פון גאָר פיינער סענסיביליטעט?··

ריטא האָט געהאט איינאונאיינציקן אָנשפּאַר, א שוואַכן אָנשפּאַר, דעם אלטן פאָטער· אין דעם קאָנפליקט צווישן אָפּגעלעבטן טאטן און טעמפּעראמענטפולער מוטער, וועלכער האָט געטליעט צענדליקער יאָרן, האָט זי, ריטא, פון קליינערהייט אָן, געצויגן צום פאָטערס צד· דער אלטער האָט איר געצאָלט מיט שטילער דאַנקבארקייט, וויל גערעדט צווישן זיך האָבן זיי אויך אזוי ווייניק ווי בכלל·

ווי ס׳איז ביים סאמע אָנהייב געזאָגט געוואָרן, פלעגן א טייל פון די יונגע־לייט פון דער גרופּע פרעמדע, צומאלס ארײנקומען אין דער שטוב· מיטן אלטן קראָכמאל האָבן זיי ניט געהאט וואָס צו טון· ער האָט זיי אויסגע־מיטן אזוי אין גאס, אזוי אין שטוב· זיי האָבן געהאט צו טון הויפּטזאכלעך מיט פרוי קראָכמאל· ווהין האָט זי זיך געקענט וואַרפן, ווען זי האָט באשלאָסן צו ווערן דער מאנצביל? אמגרינגסטן איז געווען זיך אליין צוצוקלעבן צו די אימפּראָוויזירטע בירגער און אימפּראָוויזירן א כוחר· זי איז אייגנטלעך געווען דער מעקלער, דער קאָ־מיסיאנער, זי האָט רעפּרעזענטירט לגבי דער מאַכט, דורך איר האָט מען „אונטערגעשמירט” אין א נויט·

ריטא, פונקט ווי דער פאָטער, איז געבליבן אינ־גאנצן פרעמד צו די אלע משא־מתנ׳ס, בלויז מיט דעם חילוק, וואָס דער אלטער קראָכמאל האָט ניט פאַר־באָרגן זײַן פאַראַכטונג, אויב נישט מיט ווערטער איז מיט זײַן גיבן זיך אין א זייט, קוקנדיק אויף די פרעמדע ווי אויף אוזורפּאַטאָרס... בשעת זי, ריטא, האָט נישט ארויסגעוויזן בכלל קיין שום באַציונג. אַזאַ האלטונג ריטאס האָט פרוי קראָכמאל באלײדיקט און גערייצט.

פון צייט צו צייט, באזונדערס ווען עס פלעג זיך מאַכן א פעט פאַרדינסטל, פלעג פרוי קראָכמאל אײַנ־לאדן אייניקע פון די יונגעלייט אויף אָנבײַסן. זי פלעג דערבײַ מכבד זײַן מיט בראָנפן, וואָס זי האָט אליין פאַרפראוועט, און בכלל זיך געגיבן די מי, אז דער עולם זאָל זיך פילן גוט. עס קען זײַן, אז צווישן די פאַרבאָר־גענע סיבות פון די אָנבייסנס איז אויך געווען די האָפענונג, אז דאָס מיידל וועט עמיצן געפעלן און עס וועט ווערן א שידוך. ריטא האָט אָבער געהאלטן זיך אזוי קאלט און אָפּגעפרעמדט, אז ס׳איז ניט געווען קיין פלאץ פאַר דער־נענטערונג. פרוי קראָכמאל האָט עס געקרענקט. זי האָט געפרווווט גיבן צו פארשטיין ריטאַ׳ן דעם שכל ווי אזוי־מען דערנענטערט א יונגנמאן, עס איז אָבער געווען ארויס־געוואָרפענע טרחה.

מער מזל צו דעם מיידל און צום אלטן קראָכמאל האָט געהאט דער שרײַבער.

צי האָט געווירקט די פרישקייט און די נייקייט פון דעם פארשוין, דער „הויך" פון אידעאליזם און דער קלאנג

פון ריינע קוואַלן, וואָס דער יונגערמאַן האָט מיט זיך געבראַכט? ווארום ער איז געווען יונג, ניט אזוי יונג אין די יאָרן, ווי יונג אין זיין ניט־גערירטקייט, אין זיין וועלן זײַן ריין... ער האָט געבראכט מיט זיך א נײַע שפּראַך. כאָטש עס איז געווען די זעלבע יידישע שפּראַך, אויף וועלכער אַ גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג האָט נאָך גערעדט בײַ זיך אין הויז, איז זי ביים שרייבער אויסגעקומען עפּעס גאָר אנדערש, ווי אָפּגעפרישט, געלײַטערט, יונג און פול מיט ווערדע.

ער איז געווען אינגאנצן אזוי נישט ענלעך צו די אנדערע, צו אלע אנדערע! בשעת יענע האָבן אויסגעזען ווי אראָפּגעבראכטע מיט געוואלד, האָט ער — פּאַקטיש אין דער זעלבער לאגע וואָס די אנדערע — אויסגעזען ווי א גאסט וואָס קומט אין באזוך מיט זײַן אייגענעם ווילן, ווייל ער האָט זיך פארבענקט נאָך א אָרט וואָס איז אים אומבאקאנט און נאָך וועלכן ער האָט געגלוסט... אנשטאט דער פּראָוויזאָרישקייט פון די אנדערע, האָט ער געבראכט א סטאבילקייט. מ׳האָט געזען אז דער מענטש איז ווי בײַ זיך אין דר׳היים, אז ער איז ווי א אייגענער, וואָס האָט זיך אומגעקערט, נאָכדעם ווי מ׳האָט אים, נאָך גאָר א קינד, מיט געוואלד אָפּגעשיידט.

אין א קורצער צײַט נאָך זײַן אראָפּקומען אין דער שטאָט, איז דער שרייבער שוין געווען באוווסט דאָ, פּאָפּולער, באליבט, באטראַכט ווי אַן אייגענער...

קראָכמאלס שטוב איז געווען אין שטאָט איינע פון די ערשטע, וווּ דער שרייבער האָט אָנגעהויבן פאַרקערן.

עס האָט אפילו געהאט אויף א ווײַלע א געוויסע ווירקונג אויף די אינטערפאמיליארע באציונגען אין קראָכ־

מאלס הויז. גלײַך דער יונגערמאן זאָל געווען ברענגען א מין באַרויקונג פאַר די אָנגעשאַרפטע נערוון פון די צדדים. פרוי קראָכמאל האָט פון אים געהאלטן, ריטאן איז ער געפעלן, און דער אלטער איז ווי אויפגעמונטערט געוואָרן. אין ברוך — בענעדיקטס פאַרגליווערטן זכרון האָבן זיך א וועק געטון שמות, זיך גענומען רירן, באַוועגן, אויפגעשטאנען תחיית־המתים: לעסינג, געטהע, שילער... און — מאמע־לשון.

פרוי קראָכמאל איז געפעלן דער שײנער יונג מיטן באַאיוון יונגלעשן אויסזען, דורך וועלכן זי האָט דערפילט, מיטן ספעציפישן אינסטינקט פון א טעמפעראמענטפולער פרוי, א לײדנשאפטלעכע נאַטור און א סעקסועלע דיס־פאניביליטעט וואָס לאָזט קײנמאָל נישט גלײכגילטיק... אויך ריטאן איז ער געפעלן, געפעלן און נישט מער. גלײך א פאַרבאָרגענע זעלישע רעזערוו־קלאפע האָט זי אָפּגעהאלטן פון פולשטענדיקן ענטוזיאזם. זי האָט אים גערן און מיט דאנקבארקײט אויסגעהערט אלע זײנע דעקלאַמאַציעס, און דעקלאמירט האָט ער ניט נאָר פּאָעזיע, נאָר אלץ וואָס ער האָט פּראָפּאגירט, אויף אלעמען איז געלעגן דער שטעמפל פון פּאָעזיע. הערמעטיש. מצלאנכאָליש דאָ, דאָרטן אויפגעפראלט באַגײַסטערט. ווי יעדער באַגאַבטער יונגער מענטש, ווען ער לאָזט זיך אוועק אין זײן אווענטורע־רײַזע אין לעבן, יענע נסיעה ווו ער וועט איבערלאָזן זײַן יוגנט, זײַן אידעאליזם, זײַן נשמה־רײנקײט און ארויסשווימען, ווער ווײסט מיט וואָס... מעגליך, א אנטוישטער, א ברוטאלער און א צע־שמעטערטער. און אפשר, א געלײַטערטער, א כאַראַקטער ־ פעסטער. ווער ווײסט... ער איז

ריטא׳ן געפעלן און ריטא איז אים געפעלן׳ אָבער — איז עס אין דער נאטור פון אלע קינסטלער? — עס זענען אים אלע פרויען געפעלן! קיין חילוק נישט, סיי שיינע סיי מיאוסע, יונגע אָדער שוין באַיאָרטע, גלייך דער אינסטינקט האָט אים געטריבן אויף דעם אופן זיך דורכצולעגן א וועג צו דערפאָלג, צו רום. ער איז נישט געווען קיין זעלטענער אויסנאם אין דער היגזיכט. אזוינע נאַטורן זענען פאַראַן, מ׳ען קען זיי אפילו אָנרופן קלאַסישע.

פרוי קראָכמאל, ווי מערערע אנדערע מוטערס פון דערוואקסענע מיידלעך, און באזונדערס אין אָט דער צייט, ווען אלץ וואָס איז געווען מענלעך איז געווען אויפן פראָנט און קיין האָפענונג אויף צוריק צו באקומען די מענער איז ניט געווען, פרוי קראָכמאל האָט זיך ווי אלע מוטערס געמאַכט אילוזיעס וועגן שרייבער, אז ער וועט אפשר ווערן איר איידעם, ווייל סוף־כל־סוף האָט זי דאָך, ווי יעדע מאמע, געוואָלט חתונה מאַכן איר טאָכטער, אויב אליין איז זי, ליידער, געבוירן געוואָרן מיט אזויפיל יאָרן פריער. זי איז אָבער נישט געווען די איינציקע אין שטאָט. עס זענען געווען צענדליקער פאמיליעס מיט כלה־מיידלעך. און אומעטום האָבן מאמעס געצערטלט דעם געדאנק און טאטעס האָבן געזוכט מקרב צו זיין דעם שיינעם יונגנמאַן. אויסגערעכנט און רעאליסטיש, האָט פרוי קראָכמאל איינגיכן זיך מיאש געווען און א מאַך געטון מיט דער האנט אויפן גאנצן עסק, זי האָט געהאט אנדערע זאָרגן.

דער שרייבער איז געבליבן דער היימישער פונם אלטן און פון ריטא׳ן.

דער אלטער האָט אים פאַרגעטערט.

עס איז דאָך געווען א מאָמענט, ווען דער שרייבער האָט דערפילט עפּעס צו ריטא'ן, א געפיל פון ווארימקייט און פון מענטשלעכער צערטלעכקייט. עס ווייזט אויס, אז אין אַזאַ מאָמענט האָט ער עס אָפּגעטון, ווי מאָטל אומרו דערציילט אין זיינע „בלעטלעך", ער האָט איר א קוש געטון. און לויט מאָטל אומרו דערציילט, האָט ריטא אָפּגעווייגט א האלבן מעת־לעת. מערער איז צווישן זיי קיינמאָל גאָרנים פאָרגעקומען, גלייך זיי האָבן זיך אייבּ־פארשטאנען, אז ס איז אומעגלעך, אז ס'איז אויסגעשלאָסן א ווייטערע אינטימערע דערנענטערונג צווישן זיי.

איבעריקנס, דער שרייבער איז אינגיכן געוואָרן זער באפריינדעט מיט מאַריאנען.

צו דער צייט ווען יוסף איז אראָפּגעקומען אין דער שטאָט אַריין, איז שוין דער שרייבער געווען א „תושב". ער איז געווען אזוי באקאנט אין שטאָט, אין אלע יידישע קרייַזן, גלייך ער וואָלט געווען א היגעבוירענער. זיינע איבערגעגעבענע חסידים האָבן זיך געציילט אין די צענדליקער, חסידורת ווייַבער נאָך מער. אָבער אינגאנצן איבערגעריסן מיט דער גרופּע פרעמדע יונגעלייט האָט ער נאָך נישט. זיך דערוווסט וועגן א נייַ־געקומענעם, האָט ער זיך מיט אים באקאנט, די באקאנטשאפט איז אינגיכן געוואָרן א נאָענטקייט, אויף אזויפיל וויפל אַזאַ פארשלאָסענע נאַטור, ווי יוסף, האָט עס דערלויבט. אין א טאָג האָט ער אים מיטגערופן מיט זיך צו די קראָכמאלס. יוסף איז דעם פאָטער און דער טאָכטער געפעלן, מען האָט אים געבעטן קומען אָפטער, און ער איז געוואָרן א היימישער

מענטש אין דער שטוב, ריכטיקער, אין פליגל פון דער שטוב, אין הדר מיוחד פון ברוך — בענעדיקט·

דאָרטן, אין דעם גרוימען רויקן צימער, אין א אטמאָספער פון אָפגעזונדערטקייט — א גרויסער האָל האָט געשאפן א צווישנשייד צווישן דעם צימער און דעם טייל דירה ווו מאַריאנעס משפחה האָט געוווינט — וווהין ס'האָט ניט אריינגעדרונגען פון דער שטאָט דער גערויש, וועלכער איז אויף אָט דער זייטיקער גאס סיי ווי געווען גאנץ נישטיק, האָט דער פרעמדער באשיימפערלעך זיך געפילט גוט· די אָפגעזונדערטקייט האָט געשאפן א שטימונג פון זיכערקייט, פון רו, און דאָס האָט ווארשיינלעך אמייסטן געלאָקט דעם אָפגעשלאָסענעם אין זיך פרעמדן מענטשן· פון די אלע יונגעלייט וואָס דער גורל האָט אהערצו פאַרטראָגן, איז יוסף געווען דער פרעמדסטער, אפשר דער פרעמדער מיט דער „הא הידיעה", ווי מען וואָלט עס געזאָגט אין העברעאיש· עפּעס אורח'דיקס איז געווען אין אים··· און אָט דאָס אורחדיקע האָט אי אינטריגירט אי באַאונרויקט, געפילן וואָס סע רופן ארויס ביי אונדז אָדער גרויסע זינדער אָדער גרויסע אָפּקומער··· יוסף אליין האָט וועגן זיך קיין וואָרט ניט געלאָזט פאַלן· מען האָט ביי אים אויך גאָרנישט געקענט ארויסציען, ווער ער איז, פון וואנעט ער איז· א שטעמפל פון שווייגן איז געלעגן ביי אים אויף די עפּנים און ס'האָט אים ווייזט אויס לחלוטין נישט געקימערט, וואָס פאַר אַ חשד מען קען דערויף בויען·

ברוך בענעדיקט קראָכמאל האָט ניט „בעהאַרט" — ווי ער וואָלט זיך געוועט אויסגעדריקט אין זיין אלטן משכילישן דייטש־יידיש, ער האָט זיך ניט געעקשנט אין

די זאַכן; סוף־כל־סוף איז עס אים קאַרג וואָס אָנגעגאַנגען צו וו סן, ווער דער מענטש איז, מיט אלע פּרטים און פּישטשעווקעס· אים, דעם פאַרעלטערטן און אלט־עלנטן מענטשן, עלנט ביי זיך אין שטוב, איז געווען געבוג, אז ער האָט געפונען א מענטשן וואָס זאָל מיט אים זיצן, אים אויסהערן, פאַר א נויט — מיטשווייַגן· אין די יונגע יאָרן האָט ברוך ־ בענעדיקט געלעזן··· איצט אויף דער עלטער, האָבן די געהירן איבערגעקייַעט די „גירסא דינקותא״· די מלחמה, די אלע נייַע אומשטענדן, די אייגענע עלטער, וואָס איז איצט געשטאַנען פאַר אים ווי א אומדערבאַ־רעמדיקער פאַקט, דאָס אלץ האָט געוועקט דעם אלטן צו חשבון־הנפש, צו פּראָבלעמען וועגן תכלית פון לעבן, וועגן „נאָך וואָס״ און „צוליב וואָס״· יוסף האָט אים אויסגעהערט· פון צייַט צו צייַט אים געפּרווט טרייסטן· אין זייַן גאַנצער התנהגות מיטן אלטן קראָכמאַל האָט זיך געפילט א ווילן צו שוינען דעם אלטן, אים שאפן א אילוזיע פון באַדן און פון ריכטיקייט אין אלע מיינונגען און אורטיילן, וואָס זענען פון אים ארויסגעזאָגט געוואָרן·

ריטא האָט עס באמערקט· זי האָט עס אויפגעכאפּט מער מיטן אינסטינקט, מער מיט דער הויט אזוי צו זאָגן, ווי מיטן פארשטאנד, ווייל דער עול פון דער פאמיליע, וואָס זי האָט געטראָגן פון איר פריעסטער קינדהייט, האָט איר ניט געלאָזט קיין צייַט פאַר קיין בילדונג, פאַר אַ בוך··· און אפשר, ווער ווייסט, קען זייַן, אז דאָס שווייַגנדיקע מיידל האָט אליין מיט איר אייגענעם שכל אויף א פּראָסטערן וועג, דעם וועג פון פילן און ליידן, דערלאנגט צו די אלע פראַגן, מיט וועלכע דער אלטער משכיל האָט געפּלאגט זייַן גוטוויליקן אורח·

ריטא איז געווען דאַנקבאַר יוסף׳ן פאר דער באציונג צו איר פאָטער· עס האָט זי אָבער געררייצט און קיין רו ניט געגיבן יוסף׳ס ארויסדרייען זיך פון קאָנקרעטע פראַגן· עס האָט פאַסירט, אז ווען דער אלטער האָט אים צוגעשפאַרט צו דער וואַנט, האָט יוסף אינגאנצן געשוויגן, גלייך ער איז נישטאָ דערביי· ריטא׳ן האָט עס ווײ געטון· זי האָט געוואָלט נעבעטער אריינדרונגען אין דעם פרעמדנס לעבן·

פון טאָג צו טאָג איז יוסף געוואָרן אלץ מער נוי־טיקער דעם אלטן און באזונדערס ריטאַן· ווי א שטורעם איז דאָס געפיל געקומען איבער דעם שטילן מיידל· עס איז איר געווען דאָס ערשטע מאָל אזוינס דורכצולעבן· אין איר שווייגנדיקן האַרצן וואָס האָט ביז אהער געקלאפט נאָר מיט גוטסקייט און רחמנות, האָט זיך געוועקט דאָס געפיל, וועגן וועלכן זי האָט פריער נאָר געהערט אָדער געלייענט, אָבער קיינמאָל ניט געזען פאַר זיך פאַרקערפערט און עס אויך אליין ניט מיטגעמאַכט· איר חוב אקעגן די קינדער, אקעגן איר אלטן פאָטער, האָט זי אָנגעהויבן דריקן· עס איז ניט געווען קיין בונט··· אָבער איר בא־ווסטזיין האָט צו איר, צום ערשטן מאָל, גערעדט און געזאָגט, אז זי האָט א אייגן לעבן, אז נישט די צוקונפט פון אירע ברידער און נישט די רויקע עלטער וואָס זי האָט געוואָלט פאַרשאַפן איר געליבטן פאָטער, וועלן איר נישט גיבן דעם חלק גליק אויף וועלכן זי האָט רעכט צו פרעטענדירן· זי האָט עס איצט באַגערט··· יוסף איז געווען

דער ערשטער פון וועלכן זי האָט אויף עפּעס אַן אויס־לייזונג געהאָפט.

ווער איז ער אָבער? וואָס פאַר א פארגאנגענהייט טראָגט ער אין זיך פאַרשלאָסן? ריטא האָט געמאכט באַקאנטשאפט מיט אזעלכע לײדן, וועגן וועלכע זי האָט ביז איצט ניט געהאט אפילו קיין אנונג.

מאַריאַנאַ

אין מאָטל אומרו׳ס בלעטלעך, די איינציקע אזוי צו זאָגן לעבעדיקע עדות פון דער דראמע וואָס האָט זיך דאָרט צעוויקלט, טרעפט מען זער אָפט דעם נאָמען מאַריאַנע. פון דעם אופן ווי אזוי דער נאָמען ווערט דער־מאנט, און פון פאַרשידענע, אנדערע סימנים, אויך פון דעם אינהאלט פון די בלעטלעך, קומט אויס, אז מאָטל אומרו, דער כלומרשט זייטיקער צושויער פון דער דראמע, איז שוין גאָרנישט געווען אַזאַ זייטיקער. עס איז דאָ א גרונד צו גלויבן, אז ער האָט אפילו געשפילט א וויכ־טיקע ראָל אין די געשעענישן און באַציונגען, אָבער וואָס פאַר אַ ראָל, דאָס איז ניט צום דערגייען. איינס איז קלאָר: מאָטל האָט ליב געהאט מאַריאַנען. און א פאַרדאַכט איז מעגלעך, דערלאָזבאר: יוסף האָט אויך ליב געהאט מאַריאַנען... צי קומט אויס דערפון, אז צווישן יוסף׳ן און מאָטלען זאָל געווען עקזיסטירן א געוויסע קעגנערשאפט? ניין, לחלוטין. מאָטל האָט צופיל ליב געהאט יוסף׳ן. אין געטריישאפט צו יוסף׳ן האָט ער אפשר איבערגעשטיגן אלע אנדערע, כאָטש זאָגן בפירוש זאָגט ער עס נישט.

איבעריקנס, ניין... עס איז דאָך געווען ריטא.
און עס איז אויך געווען מאַריאַנע.

זי איז געווען שיין... לויט די „בלעטלעך" קומט אויס אפילו, אז זי איז געווען פיזיש א זעלטענע שענהייט. הויך, ברייט, רייך צעוואקסן און דערביי שטאַרק האַר־מאָניש, זער ווייַבלעך, זער גראַציעז, אַ טיפּ פון א פרוי, וואָס מ'באגעגנט זעלטן אפילו ביי גאָר שיינע פעלקער.

דאָס אליין איז גענוג אויף צו מאַכן א פרוי באַליבט. אָבער מאַריאַנע איז געווען נישט בלויז „איין שענעס ווייב", זי איז געווען עפּעס מערער, זי איז געווען פיל מערער. און געזאָגט זאָל דאָ ווערן, אז מען מעג זיך אין די זאַכן אויף מאָטלען פאַרלאזן, ער איז טאַקע א אומרו און קיין סטאַבילן באָדן אונטער די פיס וועט ער שוין נישט האָבן, אָבער א חוש פאַר גייסט האָט ער; אָ, אין דעם קען מען אים נישט אָפּזאָגן. איז וואָס שייך צו מאַריאַנען... עס וועט ניט איינער חלום'ען אַזאַ מאַריאַנען, ניט איינעס וועט דאָס לייַב און די זעל בסוד קלאָגן, פאַרוואָס ער האָט נישט באַגעגנט מאַריאַנען. עס איז אָבער נישט פאַראַן קיין סך מאַריאַנעס. און עס איז גוט אזוי. עס איז א גליק פאַר זיי, די ווייניקע און זעלטענע, אַ גליק אויך פאַר די אנדערע פרויען, פאַרן גאַנצן פרויען־געשלעכט. און אויך פאַר די מענער. צוליב דער זעלטנקייט קען זיך יעדע פרוי כאָטש אַמאָל שאַפן די אילוזיע, אז זי איז... א מאַריאַנע... און אויך אָנשטעקן מיט דער אילוזיע דעם מאַן. דאס אויסנעמליכע דאַרף בלייַבן אויסנעמליך, כדי מען זאָל עס קענען איבערטראָגן, כדי מען זאָל עס גע־דענקען און בענקען דערנאָך.

מאַריאַנע איז געווען, ווייזט אויס, אַן אויסנאַם־שיינע פרוי, אַ יוצא מן הכלל.

איבריקנס, לויט די „בלעטלעך" קומט אויס, אַז די גאַנצע משפחה אירע איז באַשטאַנען פון זעלטן שיינע מענטשן. אַ משפחה פון געוויינלעכער אָרים־מיליטערישער אָפּשטאַמונג, קליין־פריציש און שטאַרק דעגענערירט, האָבן די קינדער איבעראַשט מיט זייער שיינקייט. דער פאָטער, אַן אַלטער מאַיאָר, איז געווען קאָמענדאַנט אויף אַ ווייטער באַן־סטאַנציע, דאָרטן געלעבט מיט זיין „פילגש" און גאָר זעלטן געקומען אהיים באַזוכן די זייניקע: דאָס ווייב, דאָס יונגסטע מיידל, אַ שילערין פון העכערן קלאַס גימנאַזיום, אַ זון א שילער פון אָפיצירן־שול און מאַריאַנע. מאַריאַנע איז געווען אַ גע'גטע, זי איז זיך צעגאַנגען מיט איר מאַן, אַ עלטערן מענטשן אַ גרויסן גוט־באַזיצער, שוין אַ יאָר פאַר דער מלחמה. זי האָט געהאַט פון דעם מאַן אַ מיידאַלע. די משפחה, ווי עס איז שוין דאַכט זיך ערגעץ געזאָגט געוואָרן פריער, האָט געוווינט שכנות ביי די קראָכמאַלס, אין פליגל, אין דעם זעלבן אין וועלכן דער אַלטער ברוך־בענעדיקט האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זייניקע.

(עס וואָלט געווען דאָ פּלאַץ פאַר אַ ביסל קאָמיזם: באמת, אָט די סיטואַציע — אונטער איין דאַך דער אַלטער ברוך ־ בענעדיקט, פראַווענדיק פרישות פון זיין ווייב און קינדער, און מאַריאַנע, די זינד אַליין, די זינד אין פלייש און אין גייסט!.. נאָר מיר זענען נישט מער ווי רעסטאַווראַטאָרס. מיר גייען ווייטער!)

וואָס האָט געקעגט טון מאַריאַנע צווישן אירע אייגענע, וועלכע זי איז איבערגעוואַקסן, פון וועלכע זי איז ארויסגעוואַקסן? זי האָט זיך גאנצע טעג געוואלגערט

אויפן דיוואַן, געלייענט, געשלונגען צענדליקער ביכער, פאַנטאַזירט... אַ ווולקאַן, וואָס קאָכט אינעווייניק און די לאַווע זוכט אַן אויסוועג.

צווישן די אָפּיצירן פונם אָרטיקן גאַרניזאָן איז גע־גאנגען א באשטענדיקער געוועט איבער איר, זי האָט אייניקע איבערגעקאָסט א פאַרמעגן, זעלטן געבליבן פאַר־בונדן מיט עמיצן א לענגערע צייט. זי האָט געהאט אַ טבע, זיך גיך פאַרליבט און אויך אזוי שנעל זיך אנטוישט, עס פלעג איר באלד נמאס ווערן. דערצו האָבן די מוטער און דער ברודער זי געהיט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, זי זאָל ניט קאָמפּראָמעטירן דער יונגערער שוועסטערס צוקונפט. ניט איינמאָל האָט דער עקספּאַנסיווער שייגעץ געכאפּט די קאַראַבינע און געדראָעט זי צו דערשיסן. עס וואָלט אפשר געווען געקומען דערצו, ווען ניט די מוטער.

דאָס איינציקע פלאַץ, וווּהין מאַריאַנע האָט געקענט גיין אומגעשטערט, איז געווען צו רימאַ'ן.

עס איז אפשר כדאי ביי דער געלעגנהייט צו פאַרצייכענען די באַאָבאכטונג: די אנטיסעמיטישע משפחות, אנטיסעמיטיש על פּי טראַדיציע, אַזוי געירשנט פון זייערע עלטערן ווי א מין מאַיאָנטעק, האָבן צוטרוי צו דער מאָראַל פון יידישער סביבה.. ווען זיי האָבן קאַליע געוואָרענע קינדער זענען זיי געדן, אַז די קינדער פאַרקערן מיט יידן, גלייך זיי האָפן, אז די געשעדיקטע וועלן אונטער דער השפעה פון דער יידישער סביבה, אויסגעבע־סערט ווערן... אזוי איז אויך געווען דער פאַל מיט דער משפחה מאַריאַנעס.

מאַריאַנע פלעג זער אָפט אויסנוצן אָט דעם צוטרוי.

זי פלעג אונטערן מאַטיוו, אז זי גייט אַרײַן צו ריטאַ׳ן, זיך ארויסכאַפּן אין שטאָט אויף אירע אווענטורעס. די מוטער און דער ברודער פלעגן שוין האָבן אַן ארבעט זי צו גיין זוכן. נישט שטענדיק האָבן זיי זי געפונען...

צווישן די צוויי קריסטלעכע טעכטער און ריטאַ׳ן האָט זיך אנגעשטעלט א געוויסע היימישע באַציונג. די גאַנצע משפּחה מאַריאַנעס האָט ריטאַ׳ן רעספּעקטירט, ווי דרך־ארץ געהאַט פאַר איר ריינקייט, פאַר איר פאַר־נומענקייט, פאַר איר יאָך, וואָס זי האָט אזוי מוטיק און איידל געטראָגן. באַזונדער מאַריאַנע, מיט איר אָפענעם כאַראַקטער און אימפּולסיווער נאַטור, האָט זיך צו ריטאַ׳ן צוגעבונדן.

אַ מערקווירדיקע פריינטשאַפט! די קלוגע ראַפינירטע קריסטין און דאָס איינפאַכע שטילע יידישע מיידל, וואָס פאַר א גרעסערן קאָנטראַסט האָט מען זיך געקענט פאַר־שטעלן? און דאָך אזוי האָבן זיי זיך באַפריינדעט. עס איז צווישן זיי צו קיין פריינטשאַפט־דערקלערונג ניט געקומען, און זיך אליין האָבן זיי אויך דערפון ניט געדאַכט, נאָר אויפן טונקלען פאָן פון זייער ניט צופרי־דענעם לעבן זענען די באַציונגען צווישן זיי געווען ליכטיקע און דערלייכטערנדיקע פלעקן. מאַריאַנע האָט זיך מיט איר געטיילט, איר אויסדערציילט אלע אירע משוגענע פאַנטאַזיען, אירע משונהדיקע פאַרבינדונגען און נאָך מער משונהדיקע צושיידונגען. צו ריטאַס גליק האָבן אָט די אָפנהערציקייטן געווירקט אויף איר נאָר מיט דער ליכטיקער זייט. מאַריאַנע האָט ווי אויסגעפּוּלט אַ בלויז אין ריטאַס דערציונג, אָפּטיילנדיק איר פון איר אייגענער

עקספּעריענץ אין לעבן. דאָס האָט אויף ריטאַן געווירקט מילדערנדיק, שטילנדיק דעם נאַטירלעכן נײַגיר, וואָס ווערט אַמאָל פּאַטאַל בײַ מיידלעך און אַזעלכע ניט־גינסטיקע אומשטענדן.

פרײַנטשאַפט גייט אָבער נישט אָן לײַדן. דאָס ווערטל „באַהיט מיך גאָט פאַר מײַנע פרײַנט", האָט אַ פיל טיפערן זינען ווי עס דאַכט זיך געוויינטלעך. באַזונדערס ווען די פרײַנטשאַפט איז געשלאָסן צווישן אינדיווידן מיט להפכדיקער נאַטור. ווען איינער פון די פרײַנט איז לויט זיין נאטור — לאָמיר עס אזוי באצייכענען — „מאָנאָגאַם" און דער צווייטער „פּאָליגאם", מוזן ארויסקומען מיטפארשטענדנישן, פון וועלכע דער קרבן איז שטענדיק דער „מאָנאָגאַם". דער פּאָליגאם איז היפּאָקריט און פּאַרעטער פון נאַטור אויס... בשעת דער מאָנאָגאַם איז קאָנסטאַנט, אויפריכטיק ביז אַראָפּ, ביז אין די טיפסטע טיפענישן.

דער „מאָנאָגאַם" קען לײדן פאַר זיינע איבערצייגונגען, פאַר זיין פריינטשאפט, ער איז אַלטרואיסטיש, ער וויל כמעט גאָרנישט פאַר זיך און אלצדינג פאַר זיין פריינט. בשעת דער „פּאָליגאם" איז עגאָצענטריש, מאַניאקיש אַמביציעז, טראָגט פון בוגין צו שמונין, רעספעקטירט נישט זיין פריינטס סוד, זיין פריינטס שוואַכקייט און אפילו ניט זיין אומגליק.

ווען עס זאָל זיך עמיצער וועלן אינטערעסירן דערמיט, וואָלט ער אנטדעקט, אז די בעסטע דיפּלאָמאַטן זענען יענע פון פּאָליגאמישער נאטור. אין יעדן מאנירערירטן „געבוירענעם" דיפּלאָמאַט וואָלט מען זיך אזוי ארום

געקענט דערגראָבן אויך צו דער נאַטור פון אַן אַפּאַש: אין אַ מאַקיאַוועלי, אין אַ טאַלייראַן איז בשכנות מיט דער געניאַליטעט אָן צווייפל געווען אָט די נאַטור.

פון די פאַרשוינען פון אָט דער געשיכטע, וואָס מיר רעסטאַווירן, איז ריטא זיכער געווען מאָנאָגאַמיש, בשעת דער שרייבער צ. ב. ש. וואלט געקענט פאַרעכנט ווערן אין אַ גרויסער מאָס פאַר פּאָליגאַמיש. מאַריאַנע אַ געמישטע נאַטור, עקסצענטריש. און יוסף... דער איז מיר אַ רעטעניש, אַ פאַרחתמעטע טיר.

ריטאַ'ס אינסטינקט, מער ווי איר פאַרשטאַנד, האָט איר דיקטירט אויסצובאַהאַלטן פון מאַריאַנאַן אירע געפילן צו יוסף'ן... זי וואָלט אפילו גערן אים אינגאַנצן אויסבאַהאַלטן פון מאַריאַנען. זי האָט שוין אויך געהאַט אַ געוויסע עקספּעריענץ, מיטן שרייבער. דער שרייבער האָט זיך אין איין צייט אינטים „באַפריינדעט" מיט מאַריאַנען. דער שאָדן פאַר ריטאַן איז געווען גאַנץ קליין. זי האָט געהאַלטן פון דעם יונגנמאַן, ער האָט געהאַט חן אין אירע אויגן, זי האָט געפילט אויך אַ יראת־הכבוד צו זיין טאַלענט, אָבער ווייטער — גאָרנישט. וואָס ס'האָט איר ווי געטון איז געווען עפּעס אַנדערש: זי האָט זיך פון מאַריאַנען דערוווסט, אַז דער שרייבער האָט מאַריאַנען אויסדערציילט זאַכן וועגן איר, וואָס אַ נאָבילער מענטש דאַרף נישט דערציילן, למשל, אַז ער האָט איר אַ קוש געטון... ער האָט אויך דערציילט זאַכן וואָס נישט געשטויגן נישט געפלויגן. ריטא האָט נישט רעאַגירט דערויף, זי האָט געהאַט גרעסערע דאגות, אָבער ווי געטון האָט איר. זי וואָלט גערן, ווען זי קען נאָר,

אינגאַנצן אויסגעהיט יוסף׳ן פון באגעגענען זיך מיט מאַריאַנען...

אין דעם ענגן קרייז איז עס אָבער געווען כמעט אומעגלעך. און — עס איז אפשר היינטיקע צייטן א בושה אזוינס אויף די ליפן צו ברענגען — אַ פּאַטאַליטעט האָט אזוי געפירט, יענע פּאַטאַליטעט וואָס איז אויף א מיסטעריעזן אופן דער לאָגישער שנור פון כאַראַקטער, אָט דער סאַטעליט פונם גורל.

ריטא האָט זיך ארויסגעכאפּט פאַר מאַריאַנען!..

זי איז געווען איבערפולט פון דעם נייעם, וואָס זי האָט דורכגעלעבט, זי האָט ניט געקענט אזויפיל האלטן אין זיך. און אז זי האָט אָנגעהויבן רעדן, האָט זי געזאָגט. זי האָט גאָרנישט אויסגעטראַכט, איר פאַנטאַזיע איז געווען צו אָרים אויף צו שאַפן פאַנטאַסטישע פיגורן, אָבער אויב ליבע שאַפט פּאָעטן... ריטאַ האָט ליב געהאָט, מאַריאַנעס ליידיק־גייערישע פאַנטאַזיע האָט זיך אָנגעצונדן, זי האָט געוואָלט קענען יוספן. זי האָט זיך באַנוצט מיטן שרייבער.

טאַאיס

אויף דעם שטילן הויף פון קראָכמאַלס באַלעבאַטישער ברייטער דירה, האָבן געוווינט ניט צוויי פאַרשידענע פאַמיליעס, איינע אַ יידישע און איינע אַ קריסטליכע, נאָר דריי: זיין אייגענע פאַמיליע איז געווען געשפּאַלטן. עס איז געווען נאָך עפּעס מער: וועלטן פאַרשידענע. און עס איז אפשר געליגן אַ גרעסערער זעלישער מרחק צווישן דעם אלטנס וועלטל, אין זיין חדר מיוחד, און זיין משפחה וואָס האָט געוואוינט אין דער „אלטער שטוב", איידער צווישן דער קריסטלעכער פאַמיליע און דער יידישער. די פּערזאָנען וואָס פלעגן קומען אין דער „אלטער" שטוב, האָבן נישט געהאט וואָס צו זוכן אין ברוך קראָכמאַלס באַהעלטעניש. אַ יוצא מן הכלל איז נאָר געווען דער שרייבער.

אין דער „אלטער" שטוב פלעג ריטאַ אויפנעמען איר געזעלשאַפט. עס פלעגן קומען אַמאָל אַ פּאָר חברטעס, געוויינטלעך אויפדערנאַכט. עס פלעג זער אָפט קומען מאַריאַנע און אַמאָל אויך איר יונגערע שוועסטער, די גימנאַזיסטין און כלה־מיידל. מען פלעג געמיטלעך פּאַר־ברענגען, שטיל־פּראָווינציאליש. מען האָט געשפּילט אין

פינף הונדערט איינס אָדער ענלעכע שפּילן, גאַנץ אָפּט פלעג זיך אַהין אַרייַנכאַפּן דער שרייַבער.

און אין איינעם אַזאַ אויפדערנאַכט פון אָנהייב דע־צעמבער האָט ער מיט זיך פארשלעפּט אַהינצו יוסף׳ן. ער האָט געהאט אָנגעשריבן אַ נייַע פּאָעמע, איז געווען פול פון דעם, ער האָט באַדאַרפט האָבן מענטשן, וואָס מער מענטשן, ער האָט דערקלערט דעם אינהאלט פון דער זאַך, זיך באַגייַסטערט. ער האָט גערעדט זער שיין. מאַריאַנע האָט זיך פאַראינטערעסירט, געוואָלט וויסן פון וואָס דאָ האנדלט זיך, מ׳האָט איר דערקלערט. זי האָט זיך אַרייַנגעלאָזט מיט ברען אין א דיסקוסיע איבער ליטעראַטור, ארויסגעוויזן איר באַלעזנקייט און גוטן געשמאַק, ציטירט פּאָעזיע אין עטלעכע שפּראַכן, דאָך אויסגעלאָזט מיט אַ מוטיקער אנערקענונג, אז זי האָט דאָך ליבערשט פּראָזע, באַזונדערס די פראַנצויזישע, אַנאַטאָל פראַנס איז דער גרעסטער הייַנטצייַטיקער שרייבער.

... — הער יאָזעף, איר האָט געלייענט „טהאַאיס״ז...

די פראַגע געווענדעט צו דעם שווייַגנדיקן יוסף׳ן, וואָס האָט די גאַנצע צייט קיין טייל ניט גענומען אין געשפּרעך, האָט אלעמען איבערראַשט. די אויפמערקזאַמקייט פון דער קליינער געזעלשאַפט האָט זיך איצט געצויגן צו אים. ריטאַ איז געווען פארצווייפלט. זי האָט די גאַנצע צייַט נאָכגעפּאָלגט מאַריאַנען און זיך אָפּגעגיבן חשבון, אז מאַריאַנע שטודירט אויס יוסף׳ן, זי שפּירט אים אויס ווי א רויב־חיה, גלייַך זי וויל באַשטימען, צי ס׳איז כדאי די טרחה אויף אָנצופאלן און פון וואָס פאַר א זייַט.

יוסף האָט ניט באַלד געענטפערט. ער האָט ווי געקליבן ווערטער און סוף־כל־סוף זיך אַנטשולדיקט: ער קען צו שוואַך די אָרטיקע שפּראַך. איבעריקנס, יאָ, ער האָט געלייענט „טאַאיס״...

מאַריאַנע האָט זיך ניט געלאָזט. זי מוז דערגיין ביי אים, וואָס דענקט ער איבער איר פּרעפערירטן אויטאָר. זי וויל וויסן, צי האַלט ער אויך, ווי זי, פון אַנאַטאָל פראַנס. וואָס שייך דער שפּראַך — רעדט ער גאַנץ גוט דייטש... יאָ... יאָ... ניט געשעמט... און מאַריאַנע פאַר־שטייט אפילו אביסל יידיש. צי אפשר רעדט ער גאָר פראַנצויזיש?

צו אַלעמענס חידוש, האָט דער באַשטענדיקער שוויַיגער זיך דאָס מאָל צערעדט. עס איז אים באַשיימ־פּערלעך אָנגעקומען שווער. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס פון לאַנגן שוויַיגן האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט זיך אַרויסגעהאָלפן מיט מימיק. מאַריאַנע איז אים געקומען צו הילף. זי איז געווען אי אוידיטאָריע, אי אינטערפּרעט. פּאַמעליכן האָט ער געוווינען לשון, אפילו זיך דערוואַרימט, באַקומען אַ פעסטקייט אין אַקצענט.

מאַריאַנע איז געווען אַנטציקט.

דער שריַיבער, וועמענס אייגנליבע האָט זיך געפילט אַביסל געטראָפן, האָט באַלד אונטערגענומען אַ אָנגריף אַקעגן יוסף׳ס מיינונגען. ער איז געווען אַגרעסיוו, פּאַ־טעטיש, מיט היסטערישע אַקצענטן, אָבער עלאָקוועַנט; ער האָט געשפּאַנט מיט געניאַלע שריט, גלייך ווי ער וואָלט געטראָגן ווערבאַליסטישע וווּנדער־שיך, יענע שיך פון זיבן מייַל אין איין שפּרונג. ער האָט מיטגעצויגן, פאַר־

כאפט די אוידיטאָריע וועלכע איז באשטאנען פון פרויען, א פאָלק וואָס ווערט געפאנגען דורך פּאַטעטישער רעטאָריק; אָבער מאַריאנע, די צוליב וועלכער אייגנטלעך דער שרייבער האָט אזויפיל מעטאַפאָרישע פערל געווארפן, מאַריאנע איז געבליבן קאלט ווי אייז; זי האָט מיט אירע זעלטענע אויגן — „מכשפה־אויגן", זאָגט מאָטל אומרו אין זיינע בלעטלעך — געהאלטן אין איין באטראַכטן דאָס דאַרע מענטשל, וועמענס צונג זי האָט אָקאָרשט אויפ־געבונדן און געוויזט ארויסצוציִען פון שטומעניש־נדר און זיך אויסגיבן.

דער שרייבער האָט געענדיקט אויף גאָר הויכע נאָטן און די פּאָר חברטעס ריטאס און מאַריאנעס יונגערע שוועסטער האָבן אַפּלאָדירט ספּאָנטאַן, אויפריכטיק, גלייך זיי וואָלטן געווען אויף א מיטינג. מאַריאנע איז אָבער געווען נישט הי. זי האָט ווידער אָנגעהויבן כישופן:

— ה' יאָזעף, איר האָט מיר נישט געענטפערט אויף מיין פראגע. מיך אינטערעסירט אייער קוק אויף „טהאַאיס".

יוסף האָט א קוק געטון אויף ריטאן, ווי באראָטנדיק זיך מיט איר פּנים. דאָס פּנים האָט געזאָגט: רעד... זי איז אויך אריין אין אַמביציע, זי האָט געוואָלט, ער זאָל ארויס דער זיגער פון דעם קאַמף אקעגן דעם געגנער, וואָס קיינער האָט אים ניט געזען.

ער האָט געזאָגט, זער ערנסט, זער שאַרף:

— עס איז, גלויב איך, דאָס ווערק פון גרויסן שרייבער, וואָס וועט לעבן אַמלענגסטן. עס וועט, גלויב איך, איבערלעבן אלע אנדערע פון זיינע ווערק. אין אונד־זער שווערער צייט איז א טרייסט אַזאַ בוך און אזאַ

שרײַבער, זיי דערמאָנען אונז אין אָרימען מענטשלעכן קערפּער, וואָס איז אזוי ביליק געוואָרן, זיי גיבן אים צוריק זײַן חשיבות... און דאָך, איז מער שייך היינט צו רעדן פון אַן אנדערן שרייבער און פון אַן אנדער ווערק.

ער האָט געמאַכט אַ פּויזע, ווארשיינלעך כדי אָפּ־צופּרוּוון אויף וויפל מען הערט אים. מאַריאנע האָט כמעט אין דעמזעלבן אויגנבליק א פרעג געטון:

— וועלכער ?

(ריטא האָט באמערקט ווי דער שרייבער קוקט מיט נייגיר און ניט אָן גרינגשעצונג אין בליק און ס'האָט איר וויי געטון).

יוסף האָט געענטפערט ניט־זיכער:

— זשאַן קריסטאָף פון ראָמען ראָלאַן.

דער שרייבער האָט א צי געטון מיט די אַקסלען. ער האָט פון אַזאַ ווערק און אַזאַ שרייבער ניט געהערט. מאַריאנע האָט געזאָגט איינפאַך:

— כ'האָב עפּעס געלייענט איבער דעם אויטאָר און איבער דעם בוך, אָבער דאָס בוך האָב איך נישט געלייענט און אויך נישט עפּעס אנדערש פון דעם אויטאָר. ווו קען מען דאָס קריגן ?

דעם שרײַבערס גרינגשעצונג איז געוואָרן שוין פאַראַכטונג. ער האָט געקוקט מיט דעם מאַניאקישן רחמנות־בליצל אין די אויגן, וואָס איז אָזוי אייגן עגאָ־צענטרישע איגנאָראַנטן און כמעט ברוטאַל א זאָג געטון:

— זײַט אייך מודה, יוסף, איר האָט ניט אויסגע־טראַכט אַ נאָמען פון דער הפטורה ?

מאַריאנע האָט געוואָלט וויסן וואָס דאָס הייסט, ריטא

האָט איר פאַרטײַטשט. דאָס מאָל האָט זיך מאַריאַנע אויפריכטיק רעוואָלטירט:

— ווי הייסט אויסגעטראַכט? פאַרוואָס מיינט איר? אָט איך וועל נאָך מאָרגן זען קריגן דאָס ווערק. איז עס פאַראַן אין דײַטש איבערזעצט, ה׳ יאָזעף?

יוסף האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, געבעטן אנטשולדיקונג ביי דער געזעלשאפט. ער מוז נאָך אַרײַנגיין צום ה׳ קראָכמאל, ער האָט אים פאַרשפּראָכן צו זײַן ביי אים.

מאריאנע האָט אים פאַרהאַלטן מיט דער האַנט, אים געדאנקט פאַר דער רעקאָמענדאציע פון א נייעם בוך״ און פארבעטן דעם גאנצן עולם אויף מאָרגן נאָכמיטאג צו זיך אויף א קאפע.

ריטאַן האָט עס געטראָפן ווי א דונער. צו איר פאַרדרוס, האָט דער שטענדיק צוריקגעצויגענער מענטש די אײַנלאדונג אָנגענומען.

צום קאפע זענען געקומען נאָר יוסף און ריטא. מאַריאַנעס משפחה איז געווען אין קאָמפּלעקט: די מוטער, א באַחנ׳טע עלטערע פרוי, וואָס האָט מער ענלעכקייט געהאט מיט דער יונגסטער טאָכטער דער גימנאַזיסטין: צאַרט, אַנגענעמען, רויקע באַוועגונגען. דער זון, דער שילער איז געווען ענלעך צו מאַריאַנען: שטאַרק צעוואַקסן, איבעראַשנדיק שיין, נערוועז. די באַציונג איז געווען פון אַלע כמעט ווי א דרך־ארצדיקע. עס ווײַזט אויס, אז

ביידע שוועסטער האָבן אין דר׳היים גערעדט פון יוסף׳ן ווי פון עפּעס א היילי׳קן.

ריטא האָט זיך געפילט ניט אינגאנצן גוט. זי, וואָס איז מיט דעם עולם געווען היימיש, האָט אויסגעזען ווי א פרעמדע, א פאַרבלאָנדזשעטע, א געפאנגענע כמעט. און יוסף, פארקערט, האָט זיך געפילט ווי ביי זיך, גאָרנישט געווען צו דערקענען, אז דאָס איז ער, דער באשטענדיקער שוויגער, דער קאָנסאַקרירטער אָפּגעזונדערטער פרעמ־דער. צי האָט ער עס געטון מיט א כיון, כדי צו געווינען די קריסטלעכע משפחה און אריינגיסן אביסל האָניג אין אַנטיסעמיטישן גיפט־פאַס? עס איז מעגלעך. ווייל, אויב מיר זאָלן זיך פאַרלאָזן טעקסטועל אויף מאָטל אומרו׳ס בלעטלעך, מוזן מיר זאָגן, אז יוסף׳ן האָט פאַרפאָלגט די פאַרשאָלטענע פראגע פון יידן־האַס. עס איז אָבער אויך מעגלעך אן אנדער היפּאָטעזע: מאַריאנע.

אָבער ניט געקוקט אויף זיין באזונדערער, פאַר אים פאַראַדאָקסאַלער, בארעדעוודיקייט, האָט ער זיך דאָרט ניט ארויסגעכאפּט מיט קיין איין וואָרט וועגן זיך. נאָך מער, ער האָט ניט געלאָזט פאַלן אפילו קיין וואָרט פון וועלכן מען זאָל קענען דרינגען ווער ער איז, וואָס ער איז, זיין פארגאנגענהייט, אָפּשטאמונג, זיין געשיכטע, קורץ — קיין סימן נישט לויט וועלכן מען זאָל קומען אויף זיין פריוואַטער שפּור. ווען מען האָט זיך אויפגעהויבן צום געזעגנען זיך, האָט זיך געדאַכט, אז מען האָט פאַרבראַכט זער וועניק. אזוי אינטערעסאַנט האט זיך פאַרפלאָכטן דער שמועס. די אלטע קריסטין האָט געבעטן אריינקומען נאָך. מאַריאנע איז געגאַן באַלייטן. אין דרויסן האָט ריטא זיך אָפּגעזעגנט און אריינגעגאַן צום פאָטער. זי האָט געהאָפט,

אַז יוסף וועט איר נאָכקומען, ער וועט גיין פֿאַרברענגען אַ פּאָר שטונדן מיטן אַלטן. יוסף האָט אויך אַזוי גערעכנט, עס איז אָבער געשען גאָר עפּעס אַנדערש.

ווי נאָר זיי זענען אַרויסגעקומען אין דרויסן האָט ער דערפֿילט, ווי זײַן ווילן ווערט געבויגן ווי עפּעס מאַטעריעלעס, דורך אַ געניטער האַנט. ער איז געשטאַנען ניט אַנטשלאָסן, ניט ווויסנדיק צוליב וואָס ער שטייט. מאַריאַנע, נאָר מיטן פֿלעד אויף די אַקסל, האָט אָפּגעוואַרט ביז ריטאַ איז פֿאַרשוווּנדן אין טיר פֿונעם האָל וואָס האָט געפֿירט צום פֿאָטער, געשווינד אַ נעם געטון יוסף'ן אונטערן אָרעם און אַרויסגעפֿירט מיט זיך פֿונעם הויף.

זיי זענען געגאַנגען מיט דער שטילער זײַטיקער גאַס וואָס האָט אויסגעזען, אין דעם געדיכטן נעפּל פֿון דער דעצעמבער־נאַכט, אַ שטיק פּרעמדעניש. דעם צופּעליקן גייער וואָס איז געקומען נאָך זיי, האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט עפֿנט זיך ערגעץ אַ טיר און שלינגט זיי אײַן. עס איז אָבער ניט געשען. מאַריאַנע האָט אים געפֿירט מיט זײַטנגאַסן און פֿאָרשטאָט־וועגן ביז זיי זענען אַרויס אויפֿן פֿעלד, און אָנגעקומען צו די רעלסן פֿון דער באַן־ליניע. דאָ דערהאָט זיך בײַ מאַריאַנען די צונג אויפֿגעבונדן. זי האָט גערעדט צו אים אויף אַלע מעגלעכע שפּראַכן, אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זיך ווי דריקנדיקן באַלאַסט אָן אַ שיעור מיט רייד. עס איז געווען רייד הייסע ווי לאַווע פֿון גרויסער טיפֿעניש. און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וועג, ניט געקוקט דערויף וואָס עס האָט געקענט אָנלויפֿן אַ באַן אויף זיי, ווי גוסטירנדיק נאָכמער

די ליידנשאפט אין דעם מקום־סכנה, האָט זי אים ארומ־גענומען און גענומען קושן, באדעקן מיט קוש··· מאָגער ווי ער איז געווען, האָט זי אים איינגאנצן פארשלונגען מיט איר ריַיך צעוואקסענער פיגור· זי האָט געציטערט פון גלוסטונג, געבעבעט אין פארשידענע לשונות, זי האָט אים איבערגעלאָזט מיט א ביס אין א אויער און מיט א געבעט:

— קום מאָרגן···
און אנטלאָפן·

זשאַן קריסטאָף

אַ צופאל האָט עס געמאַכט, אַז דער שרייבער האָט זיך באַקענט מיט דעם ווערק אין וועלכס עקזיסטענץ ער האָט געגלייבט. אַ צופאַל און נישט מער. נאָר פּאַסירט האָט עס גראָד אין די נאָענטסטע טעג נאָך דעם אינצידענט וועגן וועלכן מיר האָבן העכער דערציילט. און כאָטש פון נאַטור איז ער נישט געווען פון יענע, וואס דאָס געוויסן זאָל זיי באזונדערס פּלאגן, האָט אים דאָך באַנג געטון.

געשען איז עס אזוי: איינע פון זיינע פילצאָליקע חסידות, א מיידל זער א באלעזענע און וואָס איז געווען אין אים פאַרליבט, האָט אין איינעם פון די נאָענטסטע טעג נאָך דעם אינצידענט מיט יוסף'ן געמאַכט דעם שרייבער אַ קאָמפּלימענט, אז ער סאמעוועט ווי צוויי טראָפּן וואסער מיט זשאן קריסטאָף... לייקענען אין דער עקזיסטענץ פון דעם ווערק האָט שוין נישט געהאט קיין שום זינען. פאַרקערט, ער האָט ליב באקומען דעם העלד, ווייל ער האָט ליב געהאט זיך אליין און אלצדינג וואָס האָט געקענט קיצלען חניפהדיק זיין אייגנליבע. ער האָט זיך פון דעם מיידל אינפאָרמירט מער־ווייניק וועגן תמצית

פון דעם בוך און אויך דאָס נויטיקסטע וועגן אויטאָר· עס איז אים אַריין „אין דער נאָז אַרײַן"· ער האָט באַשלאָסן אויפצוזוכן יוספן און פּרוּוון פאַרגלעטן די עוולה, וואָס ער האָט אים אָפּגעטון· ער האָט דעריבער פאַרקערעוועט אין אַ טאָג צו די קראָכמאַלס·

דער אַלטער ברוך־בענעדיקט האָט זיך מיט אים דערפרייט ווי מיט אַ נאָענטן און אַן אייגענעם· אַ מענטשן מיט ווייניקער „קינסטלערישן" עגאָאיזם און מיט מער איינפאַכער מענטשלעכקייט, וואָלט אַזאַ באַגעגעניש מצד דעם אַלטן מענטשן גערירט ביז אין די טיפסטע טיפעניש· דער שרייבער אָבער, ווי אַלע קינסטלער, איז געווען קאָנצענטרירט אויף זיך· אויף אַ מינוט האָט עס אים גערירט און באַלד טאַקע האָט ער דעם אַלטן אַרויסגעוואָרפן פונעם קאָפּ ווי אַ ליידיק פּושקאַלע פון שוועבעלעך· ער האָט דאָך, צוליב יוצא וועגן, מיט דער גאַנצער היפּאָקריזיע־קונסט וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן, גענומען אים אויספרעגן, מיט יענעם טאָן פונעם גענײטן דאָקטאָר וואָס שטעלט דעם קראַנקן שטענדיק אין אַ לאַגע פון אָפּהענגיקייט· יוצא געווען וועגן געזונט און אַ שמועס געטון וועגן די נײַעס וואָס קומען פון די פּראָוונצן — עס זענען געווען שוידערלעכע נײַעס: אויף די פּראָוונצן, נישט געקוקט אויפן שווערן ווינטער, האָבן זיך באַנײַעט מוראדיקע שלאַכטן — אַ פּרעג געטון אויף ריטאַן, און זיך געלאָזט גיין אין דער „אַלטער" שטוב· קראָכמאַל האָט אים אויף אַ מינוט נאָך פאַרהאַלטן און זיך באַקלאָגט, למאי מען זעט נישט לעצטנס „דעם יאָזעף"·

ריטאַן האָט ער געטראָפן, ווי שטענדיק, פאַרטון אין אַן אַרבעט· עס האָט אויף אים דאָס מאָל געמאַכט נישט

קיין גוטן איינדרוק. ער האָט זי אין געדאנק פאַרגלייכט מיט יענעם מיידל פונם קאָמפּלימענט, און דאָס גאנצע סאמאָראָדנע גאָלד פון דעם טייערן האַרץ ריטאַס איז פארטונקלט געוואָרן אין זיינע אויגן. ער האָט דאָ אויך יוצא געווען מיט א פּאָר קונציקע נישטיקע פראַזן, קונציק ווייל זיי האָבן געגיבן די אילוזיע פון אויפריכטיקייט, בשעת אין אמתן איז עס אים אפילו ניט געלעגן אין דער לינקער פּאה. ער האָט סוף־כל־סוף א פרעג געטון אויף יוסף׳ן און געהערט דעמזעלבן ענטפער, אז מען האָט אים שוין עטלעכע טעג ניט געזען. ער האָט זיך געלאָזט גיין, ווען דאָס מיידל האָט פלוצים אים אָפּגעשטעלט:

— איר ווייסט ניט ווו ער וווינט?

ער איז געבליבן שטייען, שוין ביי דער טיר זייענדיק. די פראגע האָט זיך אים איינגעטעסעט אין קאָפּ ווי א פלאָקן. אין אמתן, ער ווייסט דאָך יוסף׳ס אדרעס. אָט ווען ער האָט געמאַכט טעאטער און באַדאַרפט זיין הילף, ער זאָל מיט אים אראנזשירן די אימפּראָוויזירטע בינע און אויך ווען יוסף האָט סופלירט, איז ער עטלעכע מאָל געווען ביי אים אויף דער וווינונג. ער האָט א פרעג געטון:

— ער זיצט נאָך דאָרטן ווו ער איז געזעסן?

ריטא האָט געענטפערט, שמייכלענדיק טרויעריק:

— איך ווייס ניט ווו ער איז געזעסן... איך מיין, יעדנפאלס, אז ער האָט ניט געביטן די דירה...

און צוגעגיבן:

— ער זאָל כאָטש ניט פרירן... עס האָבן צוגעטרעטן אזעלכע פרעסט...

עפּעס ווי א פלעמל האָט זיך מיט אַמאָל געטון אַ צינד אָן אין קאָפּ ביים שרייבער, און אין איין אויגנבליק

איז פאַרבערענט געוואָרן דאָס מיידל מיטן קאָמפּלימענט. א געפיל פון בושה און פון חרטה האָט אים הייס געמאַכט אין גאַנצן לײַב. ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַן וואַרעמען ריינעם געריימען צימער און — „ער זאָל כאָטש ניט פרירן״...

ער האָט זיך געלאָזט גיין צו יוסף׳ן.

אויפן וועג האָט ער געטראַכט:

— איך בין עטלעכע מאָל געוועזן ביי אים דעם האַרבסט און מיר אפילו ניט געגיבן די מי צו זען, ווי אזוי ער וווינט. איך געדענק אפילו ניט, ווי אזוי סע זעט אויס זײַן צימער.

ער האָט זיך געשטראָפט, זיך געזאָגט אַליין מוסר. זיך אויסגעוואַרפן, אז ער האָט זיך צעבאַלעוועט לעבן זײַנע רײַכע באַקאַנטשאַפטן, אָבער טיפער אין באַוווסטזיין האָט זיך געצייכנט א אַנדערער אורטייל, צו וועלכן ער האָט זיך ניט צוגעהערט, נאָר פאַרקערט, זיך געגיבן די מי צו פאַרווישן:

— עס איז דיר בעקוועם אזוי... און נישט די באַ־קאַנטשאַפטן זענען שולדיק, נאָר דו אליין... דו וועסט בלײַבן דערזעלבער ווען דו וועסט פאַרקערן נאָר מיט דער אָרעמקייט. און אויב דו ווילסט וויסן, איז דײַן אייגענע נאַטור פיל געמיינער ווי יענע רײַכע וועלכע דו באַשולדיקסט אין דיין קאַליע ווערן.

ער האָט מיט איין אָנשטרענגונג אָפּגעווישט די אַלע אָפּעסענישן, זיך א זאָג געטון אַנטשלאָסן:

— איך בין געבוירן געוואָרן צו עפּעס וויכטיקערס...

א קינסטלער גייט איבערן אייגענעם קערפּער און מוז אויך קענען גיין איבער פרעמדע קערפּערס.

ער האָט זיך ווידער ניט געגיבן קיין חשבון, אז דער געדאנק איז ניט זײַנער, אז ער האָט אים געהערט פון אַן אַנדערן און דער אַנדערער איז געווען גאָר א קנאַפּער קינסטלער. אָבער יונג ווי ער איז געווען, איז אים די בראַוור געפעלן. לעבן יוסף׳ס דירה איז אים באַפאַלן א צווייפל: אַרייַנגיין צו׳אים, אָדער ניט אַרייַנגיין. ער האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעדרייט פאַרביי דער שטוב, אַראָפּ־אַרויף, אַראָפּ־אַרויף. גייענדיק האָט ער זיך דערמאַנט אין לעצטן אויפדערנאַכט מיט יוסף׳ן ביי ריטאַן. זיך דערמאַנט ווי מאַריאַנע האָט זיך געצויגן צו יוסף׳ן. א בייז געפיל פון ניט־פאַרגינערישקייט האָט א שלאָג געטון מיט שנאה. ער האָט אָנגעהויבן באַרעדן יוסף׳ן ביי זיך... אים גערופן מיט אַלערליי חוזק־נעמען, אויסגעזוכט אויף אים אַלערליי פיזישע חסרונות. ווי א מאַרק־יידענע, ווי א יאַכנע א קריגערין, האָט ער אים געזידלט. און אז ער האָט זיך ראָזדרעכעט פון דעם מיאוסן אָנפאַל, דעם שפּיצל פון איינע פון זײַנע פילצאָליקע נאַטורן, האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער האָט שוין לאַנג אוועקגעשפּאַנט פון יוסף׳ס גאַס.

דעמאָלט האָט זיך אין אים דערוועקט דער גרויסער עקשן: ער מוז גובר זײַן דעם ליידאַק אין זיך. ער וועט נאָך היינט זײַן ביי אים. און ניט נאָר זײַן, ער וועט שוין זען אָננעמען מיטלען ער זאָל ניט פאַרירן.

ער איז אוועק צו דעם מיידל, צו יענער וואָס האָט אים געקרוינט אלס זשאַן קריסטאָף. ער האָט איר דער־ציילט, אז ער קומט פון א חבר, א זעלטענער מענטש, א הייליקער. דער חבר פאַרירט...

ער האָט געשקרנט באַוווסטזיניק, נאָר ווי אַלץ,

וואָס ער האָט געטון, האָט ער אויך דעם שקר געזאָגט ווי אַן אמת, מיט איבערצייגונג.

ער האָט דאָך געהאַלטן וואָרט: אין די נאָענטסטע טעג איז ער געווען זען יוסף׳ן.

ער האָט אים באַגעגנט יוסף, מיט אויפריכטיקער פרייד. עס איז געווען אַפילו חידושלעך אַזאַ לעבעדיקער אויסדרוק פון פריינטשאַפט ביי אַזאַ אָפּגעשלאָסענעם מענטשן. ער האָט זיך דערפרייט ווי מיט אַן אייגענעם ברודער און נאָך מיט אַזעלכן וואָס מ׳האָט ליב... דער שרייבער האָט זיך געפילט ניט גאָר גוט פון דער אַנטפּלעקונג. עס איז געווען אין ווידערשפּרוך מיט דעם וואָס ער אַליין האָט געפילט. ער איז געקומען מיט פילאַנטראָפּישער איבערגעזויכט, מיטן באַוווסטזיין פון סופּעריאָריטעט. און דאָ פּלוצים אָט די ריינע קוועלנדיקע פריינטשאַפט, וואָס פאַרגעסט אין אַלע עוולות, ווישט אַלצדינג אָפּ, שטעלט די פּאַרטייען אויף גלייכע, אַבסאָלוט גלייכע, פּאָזיציעס. עס האָט ניט האַרמאָנירט מיטן גאַנצן שטימונגס־מעכאַניזם, ווי ער האָט עס אָנגעשטעלט. פּאָליגאַמיש און דיפּלאָמאַטיש אין כאַראַקטער, האָט די מאָנאָגאַמישע עפּוזיע געבריט די אויגן ווי שטאַרק פריש זונען־ליכט. עס איז געווען צו נאַטירלעך און איינפאַך פאַר דער קאָמפּליצירטער נאַטור פונם שרייבער, די נאַטור וואָס הויבט זיך אָן מיט דופּלעקס, מיט צווייאיקייטן, גייט איבער אין היפּאָקריזיע און פאַרפירט צו גניבת־דעת. פּראָוואָקאַטאָרן און פאַרעטער שטאַמען פון דערזעלבער כאַראַקטער־קאַטעגאָריע. און עס איז מערקווירדיק — זאָגט מאָטל אומרו אין זיינע בלעטלעך — ווי די אַלע האָבן אין אַלגעמיין

דערפאָלג· מען האָט צו זיי פיל מער צוטרוי ווי צו די אנדערע, די „האָמאָ סימפּלעקס"· מאָטל אומרו זאָגט ארויס אן השערה, אז דער „האָמאָ סימפּלעקס" איז א עטישע נאטור בשעת דער דופּלעקס איז אמאָראַליש·

ער האט ליב געהאט זיך צו חקר'ענען. מאָטל אומרו· מיר דאָ רעסטאווירנדיק די געשיכטע, די מענטשן און די באציונגען, וועלן ניט זײַן אזוי קאַטעגאָריש· מיר זאָגן פּשוט:

דער שרייבער איז געגאנגען מיט פעסטע טריט צו זײַן מענטשלעכן און קינסטלערישן גורל·

און, פּאָסט סקריפּטום, — דער שרייבער לויט ווי מאָטל אומרו באצייכנט עס, האָט שטארק געזינדיקט מיט „פּאָסט־סקריפּטום" וואָס איז זער כאַראַקטעריסטיש, און מיר האָבן זיך דאָ, דורך מאָטלס פארמיטלונג, ווארשיינלעך אָנגעשטעקט — יאָ, פּאָסט סקריפּטום:

אין די נאָענטסטע טעג האָט דער שרייבער באזאָרגט יוסף'ן מיט א פּעקל זער נוצלעכע זאַכן·

„אויף א אויסערסט דיסקרעטן אופן", זאָגט מאָטל אומרו·

פּאַסיאַנס...

ריטא האָט זיך געפילט זער שלעכט אין געזונט. די באַציִונגען צווישן דער מוטער און פאָטער האָבן לעצטנס איבער אומבאַוווּסטע סיבות אָנגענומען א שאַרפן כאַראַקטער. פרוי קראָכמאל האָט דעם אלטן קיין רו ניט געגעבן. איצט איז עס שוין ניט געווען אויף דער טעמע פונם געלט וואָס ער האָט געלאָזט ליגן אין באנק. זי האָט זיך סתם צונ׳אים געטשעפּעט. עס איז געקומען דערצו, אז ברוך־בענעדיקט האָט געהאלטן זיין צימער אויפן שלאָס און אריינגעלאָזט צו זיך נאָר ריטאן. דאָס מיידל האָט שרעקליך געליטן.

צו דערצו האָט זיך יוסף אפילו ניט געוויזן.

מאַריאַנע איז איבערגעלעגן ביי ריטאן, געהאלטן אין איין אויסלעגן פּאַסיאַנסן, וואָראָזשען, געטון וואָס זי האָט נאָר געקענט כדי ריטאן אויפצומונטערן. זיי האָבן פון יוסף׳ן ביט גערעדט, נאָר אזוי אומגערעדט האָבן זיי זיך פארשטאנען, עס האָט זיי געפעלט איינס און דאָס זעלבע כדי זייערע טעג זאָלן ניט זיין פּוסט. מאַריאַנע איז צוגעפאלן פון צייט צו צייט צו ריטאן, זי געקושט, געצערטלט און ריטא האָט שוין געוווּסט, אז דאָס באַטייט

א נײַע ליידנשאפט מאַריאַנעס, און אז מיינען מיינט עס יוסף׳ן, עס האָט זי געריייצט.

אין א אָוונט האָט מאַריאַנע איר א שעפּטשע געטון אויפן אויער:

— ווייסט נישט, ווו ער וווינט?

ריטא האָט נישט געענטפערט, נאָר אירע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן.

מאַריאַנע האָט זי געגלעט, קעציש געשמייכלט מיט אירע מכשפה־אויגן:

— האָסט אים שטאַרק ליב?.. אָט וועל איך דיר אים ברענגען...

דערנאָך צעלעגט אַ פּאַסיאַנס, געוואָראָזשעט:

— ער וועט הײַנט קומען... ער מוז קומען.. ער בענקט...

— נאָך וועמען? האָט ריטא געפרעגט נאַאיוו.

— נאַטירלעך, נאָך א פרוי... האָט מאַריאַנע געלאַכט. און ווײַטער געוואָראָזשעט:

— א בלאָנדינע, א שיינענקע, א קליינענקע.

זי איז אוועק אַהיים.

ריטא איז געבליבן אליין אין א גרויסער אומרויקייט. קלוג געגוג און פראַקטיש אז זי זאָל וויסן, אז מאריאנעס וואָראָזשען איז אויפּ׳ל ווערט וויפל... יעדער וואָראָזשען, און דאָך האָט זיך עס געמאַכט א וועג צו אירע ווונדן... „א בלאָנדינע, א שיינענקע, א קליינענקע״... זיי זענען עסביידע נישט. נישט זי, נישט מאַריאַנע.

ריטא האָט געליטן און געפילט איר עלנטקייט... און אַלטער טאַטע... „און א מאמע וואָס איז קיין מאמע נישט"... עס האָט זיך געוואָלט אנטלויפן ערגעץ. וווהין ?.. סײַדן אפשר שרייבן צו די ברידער קיין אמעריקע ?.. ווי אזוי ?.. און ווו ארומעט קומט מען אַהין, אז ארום און ארום איז מען אָפּגעשניטן פון דער וועלט !.. עס האָט זי איצט געדריקט די מלחמה, געוואָרגן, די קעגנערשאפט צו קריג, וואָס איז ביי איר פריער אויך געווען, נאָר פּאַסיוו און ריין סענטימענטאל, האָט זיך איצט אָנגעצונדן אין א פײַער... זי האָט זיך דערמאנט יוסף'ס ווערטער, וואָס יענער האָט אזוי קאַרג געלאָזט פאלן בשעת א געשפּרעך וועגן דער מלחמה, אין דעם אלטנס צימער:
„דאָס ערגסטע אין קריג איז איר אָבליגאטאָרישקייט"...

און טראַכטנדיק צו אים האָט זי אין געדאנק גע־ציליעט, ווי טייערע קרעלן, אלצדינג וואָס זי האָט אין זכרון פאַרהאלטן און באזונדערס די ווערטער, לעצטנס, וועגן דער חשיבות פונם מענטשלעכן קערפּער... פשוט גאנץ פשוט, דעם קערפּער !.. איצט ווייסט זי, איצט פארשטייט זי, ווײַל זי פילט איר אייגענעם קערפּער, אירן, וואָס איז ניט יענעמס, איר אייגענעם. אָט דאָס דאָזיקע אָרימע ביסל פאַרמעג וואָס מ'האָט עס ביי קיינעם ניט צוגענומען, וואָס מען איז עס, און מיט וועלכן און אין וועלכן מען איז — — —

ריטא האָט דערפילט אין זיך שלאָגן דעם באוווסטזיין פונם זײַן, דעם באוווסטזײַן וואָס גיט דעם מוט צו מאני־פעסטירן זיך אלס א מענטש פאַר זיך מיט אלע רעכט אויף צו זײַן. דאָס איז דער באוווסטזײַן פונם זײַן וואָס אין סאָציאלן לעבן מאַניפעסטירט ער זיך דורך רעוואלו־

ציעס פון א דערוואַכטן קלאַס, אין אינדיווידועלן לעבן דורך מאָראַלישע קריזיסן פונם רײַף געוואָרענעם אינדיווידי· ריטא האָט דערפילט, ווי עס ווערן פון איר אָפּגעטײלט אלע ארומיקע, זי בלײַבט אליין, זי דערווייטערט זיך ערגעץ אין א אומבאקאנטן רוים און אין דעם רוים האָט זי נויטיק אַן אָנשפּאר, זי דאַרף עמיצן·

— יוסף··· יוסף···

דעם האַרץ איז געווען ענג·

זי האָט דאָך ניט אויפגעהערט איבערצוקלערן:

— ווער איז ער? וואָס איז ער? פון וואנען קומט ער?

די פארגאַנגענהייט יוסף׳ס האָט זי געפּלאגט· ער איז דאָך פון אן אנדער לאנד· וואָס האָט ער דאָרטן איבערגעלאָזט? זאָל זײַן אמת אז ער האָט דאָרט א פרוי מיט א קינד?·· ווער זאָגט עס?

... א בלאָנדינע, א קלײנענקע, א שײנענקע...

... מאַריאנע ווייסט עפּעס... פון וואנען? ווי אזוי? ווער האָט איר עס געקענט דערציילן? יוסף אליין?

— יוסף...

... פאַרוואָס קומט ער נישט? איז עפּעס געשען צווישן אים און מאַריאנען? ווהין איז דעמאלט אַהינגעקומען מאַריאנע? אינדערהיים איז זי ניט געווען, ווייל מען איז געקומען זי זוכן צו ריטאן· וו זשע דען איז זי געווען? ביי יוסף׳ן?

... ניין, זי האָט ערשט הײַנט געפרעגט, וו ער וווינט. און אפשר מאַכט זי זיך אזוי. מיט א כוונה כדי זי־אָפּצונאַרן?

ריטא האָט איצט איבערגעטראַכט זאַכן וועגן וועלכע זי האָט זיך קיינמאָל פריער ניט פאַרטראַכט. זי האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער ווערטער, האַלבע־ווערטער געהערטע פון אים, געהערטע פון אנדערע איבער אים, איבערהויפּט פונם שרייבער. זי האָט דערשפּירט מיטן אינסטינקט פון א מענטשן וואָס האָט ליב, אז דער שרייבער טראָגט אין האַרץ א שנאה צו יוסף'ן, א שנאה וועגן וועלכער ער גיט זיך אפשר אליין ניט אָפּ קיין חשבון. עס האָט זי געוווּנדערט און באאומרויקט. זי האָט געעפנט די אויגן אויף מענטשן, געוואָלט פאַרשטייען און ניט דערלאַנגט דערצו. ווי קומט צו נ'א דיכטער, וואָס דריקט זיך אויס אזוי שיין, אזוי פיין, אזוי סענטימענטאַל, וואָס האָט אזוינע איידעלע מאַנירן, ווי קומט צו אים אזויפיל רשעות? אזויפיל ברוטאַליטעט? און זי האָט עס געפילט מיט איר גאַנצער איידעלער ניט קאָרומפּירטער נאַטור, אז זי האָט רעכט, אז זי שאַצט ריכטיק.

... פון דער אנדערער זייט — יוסף.

... יוסף...

זי פילט א סכנה... א געפאַר לויערט אויף אים. וואָס? ווי אזוי? זי האָט עס זיך ניט געקענט דערקלערן. זי איז אָבער גרייט געווען מיטן גאַנצן לעבן אים פאַרטיידיקן, איינע קעגן אַלע אים פאַרטיידיקן. קעגן וועמען?

טעג גרויע ווינטערדיקע, נעכט לאַנגע און געדיכטע, אָנגעזאַפּטע מיט דערוואַרטונגען פון גאַלע שלעכטס, פון אַלדאָס בייז, פון ביטערע בשורות. ריטא האָט באַקומען א שלאָף פול מיט קאָשמאַרן, און א פּחד זיך מודה צו זיין אין זיי, א מורא אָנצוכאַפּן דעם פאָדעם פון די נאַכט־

שרעקן, וואָס האָבן זי פֿאַרפֿאָלגט אויך באַטאָג. איינמיטן אירע געווייניטלעכע טאָג־טעגלעכע ארבעטן, וואָס זי האָט ווייטער אויסגעפֿירט מיט אויטאָמאַטישער פּינקטליכקייט, איז איר נאָכגעגאַנגען א שאָטן פֿון א זעאונג, וואָס האָט גע־מאַכט דובלירן די זאַכן, די געדאַנקען, דעם אייגענעם קערפּער, גלייך זי זעט מיט אַמאָל פּאָר צוויי מענטשן. עס האָט זיך איר צייטנווייז געדאַכט גייענדיק אין איין ריכטונג, אז זי הערט זיך אָנקומען פֿון אן אנדער ריכטונג. עס האָט זי געשראָקן.

מאַריאַנע האָט באמערקט וואָס סע קומט פֿאָר מיט דיטאַן, זי געפּרוווט צערשטרייען, אויסגעלעגט איר קאָרטן און געטראָפֿן סאַמע גוטס, סאַמע גליקן, זיי קומען די גליקן, מיט יבשה און מיט וואַסער, און פֿרייד, אָן א שיעור מיט פֿרייד איז אין וועג, אָט־אָט נאָך איין מכשול דאַרף עס איבערקומען... זי האָט עס געמאַכט קונציק, די מכשפֿה, היפּנאָטיזירט דאָס מיידל מיט איר האָניק־שטים, די שטים פֿאַר וועלכער דער שרייבער האָט איר אַמאָל געוווּנטשן זי זאָל פֿאַרשטומט ווערן, איר סוגערירט אילו־זיעס אויף אילוזיעס און דאָס אלץ איז צערונען געוואָרן ביים איינעם וואָרט:

— יוסף...

.. יוסף... פֿאַרוואָס זעט מען אים נישט? פֿאַרוואָס קומט ער נישט? וואָס האָט פּאַסירט מיט אים?

און דעם שרייבער זעט מען אויך נישט.

נישטאָ אפֿילו וועמען צו פֿרעגן אויף אים, נישטאָ אפֿילו ביי וועמען צו קריגן דעם אדרעס זיינעם...

עס האָט נים געדויערט קיין פֿולע צוויי וואָכן,

מעגלעך אז נאָך ווייניקער. ריטאַן האָט זיך געדאַכט, אַז סע זענען אוועק יאָרן...

זי האָט שוין מער ניט געקענט...

אין א טאָג האָט זי זיך באַשלאָסן ארויסצוגייען אין שטאָט. זי פלעג עס גאָר־גאָר זעלטן טון. אזוי זעלטן, אז מען וואָלט געקענט זאָגן: קיינמאָל. און ווען האט זי דען צייט געהאט, אז אזא שווערע שטוב איז געווען אויף אירע הענט! באַהאַדעווען, באַוואַשן, פאַריכטן, דערציִען... יאָ, אויך די דערציונג פון די קינדער. הייַנט דער אַלטער פאָטער...

נאָר נאָך בּישט דאָס אַליין האָט געהאַלטן ריטאַן, ווי אין תפיסה, אין שטוב. עס איז נאָך געווען דאָס גאנצע רומל, די באציונגען צווישן טאטע און מאַמע. עס האָט זיך געלעגט ווי א בלייַ אויף איר געמיט. זי האָט קיין פריילעכע מינע ניט געקענט באווייַזן. און זי האָט זיך געשעמט, אָן א שיעור געשעמט. איר האָט זיך געדאַכט, אז די גאנצע שטאָט וועט טייַטלען אויף איר:

— אָט גייט זי ברוך־בענעדיקט קראָכמאלס טאָכטער, יענע וואָס איר טאטע איז עובר־בטל, האָט א פארמעגן אוועקגעלעגט ביי דער מלוכה, בשעת מענטשן ווערן נתעשר... און איר מאמע... זיי ווייַנען דאָך באזונדער...

עס האָט זיך איר געדאַכט ניט אומזיסט, מען האָט די קראָכמאלס גאַנץ גוט געקענט אין דער היבשער שטאָט. עס איז געווען א צייַט ווען ברוך־בענעדיקט האָט זיך גערעכנט פון די גאָר גרויסע אין שטאָט, כאָטש ער האָט זיך קיינמאָל פאַר אזעלכן ניט געהאלטן.

זי האָט זיך געשעמט און געזעסן אין דר׳היים. זי האָט זעלטן באַנײַעט עפּעס אַ מלבוש, כאָטש זי האָט געהאַט גאַנץ פֿײַנע קליידונג. עס האָט איר ניט אָפּגעפּעלט... און די פּאָר חברטעס, וואָס זענען איר פֿאַרבליבן, האָבן רעספּעקטירט איר געוואָלטן טרויער, זי קיינמאָל מיט זיך ניט מיטגערופן אויף קיין שום פֿאַרוויילונג, זיך געהיט אַפֿילו פֿאַר איר צו רעדן וועגן אַזעלכעס.

און איצט האָט זי שוין מער ניט געקענט. זי מוז גיין אַביסל. אפשר — זי האָט זיך עס ניט געזאָגט, ווען זי זאָגט זיך עס מיטן פֿולן מויל וואָלט זי עס שוין נישט געוועזן געטון! — אפשר וועט זי עמיצן באַגעגענען.

זי האָט געזאָגט דעם פֿאָטער, אַז זי גייט אַביסל צו אַ חברטע און דער אַלטער איז געווען צופֿרידן. ער האָט געהאַט יסורים פֿון איר אָפּגעזונדערטקייט. די מוטער האָט היינט גיך אָפּגעגעסן און אַוועק אין שטאָט. זי האָט דאָרט מסחר־באַגעגענישן. זי איז געווען רויק פֿאַרן פֿאָטער, ווייל אַזוי לאַנג פֿרוי קראָכמאַל איז נישט געווען אין דר׳היים איז דער אַלטער געווען גוט געשטימט און בכלל פֿרײַער געאָטעמט. זי איז אַוועקגעגאַן.

אַרויסגעקומען פֿון דער זײַטן־גאַס אויף דעם רווישיקן בולוואַר האָט ריטאַ געעפֿנט די אויגן. ער איז דאָך גאָר־נישט אַזוי גרוי אָט דער ווינטער־טאָג! און עס איז פֿיל וואַרימער ווי ס׳האָט זיך איר געדאַכט אַז סע דאַרף זײַן, ווען זי איז געווען אין דר׳היים. און בכלל איז די וועלט עפּעס יום־טובדיק, גלייך ס׳איז נישט קיין מלחמה. אַזויפֿיל שיינע פֿרויען, מיט אַזאַ גלאַנץ און לעבנסלוסט, האָט זיך

איר גערדאכט אז זי האָט נאָך ניט געזען, עס האָט איר אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן, פון דער פרייַער לופט, פון דער ברייטקייט פון דער גאַס, פונם געררויש, גלייַך זי וואָלט ניט געווען קיין היגע, נאָר אן אראָפּגעפאַלענע פון דער דאָרפישער סביבה. זי איז געגאַנגען גלאַט אַזוי, אַלץ פאָרויס, ניט האָבנדיק קיין ציל, און אויף יעדן ווינקל גאַס האָט זיך איר געדאַכט, אז אָט דאָרטן אין אַנדערן עק זעט זי יוסף׳ן. זי איז געגאַנגען אַלץ פאָרויס. אויף א מאָמענט האָט זיך איר געדאַכט, אז זי זעט איינעם פון אירע קליינע ברידערלעך. עס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן, גלייך ער וואָלט געווען א יתום... זי איז געגאַן אַלץ ווייַטער, פאַרגאַן אין אַנדערן עק שטאָט, זיך אָפּגע־שטעלט פאַר דער וויטרינע פון א נייַעם מאַגאַזין, גאַלע לוקס, סאַמע ראַפינאַמענט. זי האָט דערפילט לעבן זיך עמיצן, זיך אומגעקוקט — און אָפיצער. זי האָט נישט פאַרשטאַנען צום אָנהייב וואָס וויל ער, גרייט געווען אים צו ענטפערן אויף דער פראַגע וואָס איר האָט זיך גע־דאַכט, אז ער פרעגט. זיך צוריקגעכאַפּט, פאַרשטאַנען, אוועק מיט שנעלע טריט און מיט א פלאַטערנדיק האַרץ.

דער אָפיצער האָט זיך נאָך איר נאָכגענומען, האָט אָבער באַלד איינגעזען, אז ס׳איז פוסט, האָט ער זיך אוועקגעדרייט, אָבער אויף זייַן אָרט האָט זיך באַלד גע־יאַווועט א אַנדערער, א דריטער. ריטא האָט זיך דער־שראָקן, האָט שוין געוואָלט שרייַען, זיך געשטאַרקט אויס מורא פאַר אַ סקאַנדאַל, איבערגעשניטן די ברייטע גאַס און מיט דער אַנדערער זייַט געלאָזט זיך כמעט לויפן.

א באַקאַנטער סילועט, וואָס זי האָט באַמערקט אויף א דיסטאַנץ האָט זי אָפּגעשטעלט כמעט אין א אויגנבליק:

זי האָט דערקענט איר מוטער. זי האָט זיך ווידער אָפּגע־שטעלט ביי א וויטרינע און נאָכגעפּאָלגט ווהין די מוטער גייט. די אלטע קראָכמאל איז באלד פארשוואונדן אין א טויער. ריטא האָט זיך געוואָלט לאָזן גיין, זי האָט אָבער דערזען ווידער א באקאנטן סילועט. עס איז איר געוואָרן ניט היימלעך. זי איז קיינמאָל ניט געווען אין שטאָט מיטן שרייבער צוזאמען, און איצט זיך באגעגענען דאָ עפּעס אזוי אין מיטן גאס. זי איז געשטאנען א ווײַלע צווייפלענדיק. יענער האָט זי אָבער ניט באמערקט. ער איז אויך באלד פארשוואונדן.

ריטא איז געבליבן שטיין, ווי ווען מען דערלאנגט איר מיט א דובניע אין קאָפּ אריין. וואָס איז עס? ס׳האָט זיך איר געדאַכט? דער שרייבער איז פארשוואונדן אין דעמזעלבן גאנג וואָס איר מוטער. א צופאל? אָדער איז דאָ עפּעס א צוזאמענהאנג אין דעם? זי איז געגאנגען אויטאָמאטיש, אין די אויערן האָט געזשומעט, דער קאָפּ ווי מיט בלײַ אָנגעגאסן.

אין דעם כאַאָס האָט דאָך זיך אויסגעטיילט א גע־שטאלט: די מוטער. און א אנטדעקונג: זי איז הײַנט געווען אנדערש געקליידט. עלעגאנטער ווי געוויינטלעך. אויך פּאַראַכטאָגן... און פריער.

פון זיך האבן גענומען זיך בינדן עפּיזאדן, קאָאינ־צידענצן און אויסגעקייטלט זיך אין איין זיכערקייט... יאָ...

זי איז געגאנגען מיט דעם שווערן חשד און ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אז אָט־אָט נאָך א מינוט און זי וועט ניט אויסהאלטן, זי וועט אוועקפאלן אין מיטן גאס.

א פּאָר נודניקעס און חוצפּהניקעס וואָס האבן איר ארײַנגעקוקט אין פּנים, האבן זי דערוועקט פון איר צושטאנד. זי ד־האט געבומען גיין שנעל, אלץ שנעלער, עס איז געווען שוין גוט טונקל. דאס עלעקטרישע ליכט, צוליב עקאָנאָמיע, האָט געברענט שוואַך, זעלטן, ווייניק לאָמפּן. אפילו אין די גרויסע לוקס־געשעפטן איז געווען האלבטונקל, צוליב דער פון דער מאַכט ארויפגעצוואונגענער עקאָנאמיע.

ריטא איז געגאנגען שנעל, נישט טראַכטנדיק מער, אָבער ס׳האָט געברענט ערגעץ אין קאָפּ, אין די אויגן. ווען זי איז דורכגעגאן דעם גאנץ טונקלען הויף פון זייער דירה, פארביי מאריאַנעס פענצטער, האט זי דערהערט פויקן אין די שויבן. זי האָט זיך מאשינאל אָפּגעשטעלט און דערזען אין דער טונקלקייט, צווישן די פענצטער און די גאַרדינען, מאַריאנען, אינגאנצן נאקעט, ווי א לעבעדיקע סטאַטוע. מאַריאנע האָט איר געגיבן א שטעל ארויס א צונג און פארשווונדן פון יענער זײַט גאַרדינען. ריטא איז געווען ווי שכור. זי האָט זיך קוים ארײַנגעשלעפּט אין שטוב. אוועקגעפאלן מער ווי אוועקגעלעגט זיך.

עס איז געווען שוין גוט שפּעט אין אָוונט ווען פרוי קראָכמאל איז אהיימגעקומען. זי איז געווען אויפגערוימט און שטאָלץ־שטום, ווי איינער וואָס קומט אָפּ פּאַר א וועלט שלימעזאלניקעס. ווי א קרבן. שוין געווינטע דערצו אז זיי זאָלן וואָכן־ווײַז צווישן זיך ניט רעדן, האָבן זיי אויך איצטער קיין וואָרט צווישן זיך נישט צעביטן. פרוי קראָכמאל האָט געבראכט נאשערייען פּאַר די קינדער,

זיי איינגעטיילט. געווען מיט זיי צערטלעך ווי מיט פרעמדע ירשומים. ריטא האָט געשוויגן.

אין א האלבער שעה ארום איז אָנגעקומען דער שרייבער. עס איז נאָך אויף אים געווען צו דערקענען, אז ער האָט זיך היינט געמאַכט די פריזור. ער האָט געהאט דעם יונגעלש־אומשולדיקן פנים ווי צוריק מיט א פּאָר יאָר, ווען ער איז ערשט געהאט אראָפּגעקומען. ער איז געזעסן פרום און ציכטיק. ער האָט געפרעגט אויף יוסף׳ן. ער האָט גערעכנט אים צו טרעפן דאָ... און וואָס מאַכט ריטא?.. שוין לאנג זי נישט געזען!.. און הער קראָכמאלן?.. ער וועט אביסל אריינגיין א שמועס כון „פילוסופיה”...

ריטא האָט נישט געענטפערט, זיך געקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק, און אויפגעכאפּט, דאָך אזוי, א איבערוווּנק צווישן שרייבער און דער מוטער, א איבערוווּנק וואָס האָט גע־קענט טייטשן:

— וואָס איז מיט איר?.. זי ווייסט עפּעס?

און וואָס דער ענטפער האָט געזאָלט באטייטן:

— ווייסיך וואָס... חלומות!

עס איז איר געווען ביטער, ריטאן.

זי איז א גאנצע נאַכט געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אין פענצטער און געטראַכט:

— וווּהין גייט מען? וואָס טוט מען?

און דער עיקר:

— וווּהין גייט מען?..

זי האָט געפילט א באדערפעניש אוועקצוגיין ערגעץ, פארשווינדן. אָבער — וווּהין?

זי האָט זיך פון צייט צו צייט געכאַפּט פאַר די האָר, פאַרקלעמט די ציין, אָנגעשטרענגט זיך ביז צום לעצטן געדרוו אבי נישט צו שרײַען. עס האָט זיך איר געדאַכט מאָמענטנווײַז, אַז די ווענט קומען זיך צונויף, דערדושען זי; און ווידער א מאָמענט, ווען זי האט געהאט דאָס געפיל, אַז זי פאלט אין א אָפּגרונט. עס האָט זיך געוואָלט רופן צו הילף. וועמען אָבער רופן?..

מאָמענטנווייז האָט זי געפילט, אַז אָט־אָט און זי וועט זיך צערעוועןן ווי א איבערגעשראָקן קליין קינד, אָבער זיך אָנגעשטרענגט, נישט דערלאָזט. זי האָט געפילט ווי אין מוח קלאפּט עס אויס, ווי אויף קלאנגלאָזע קלאווישן, געשרייען, רופן, נעמען, און עפּטער פון אלעמען האָט זיך דאָרטן אויסגעקלאפּט:

— מאמע... מאמע...

פאַרוואָס?.. וואָס האָט זי איצט אַפּעלירט צו דעם דאָרט?.. ווײַל עס איז דאָך געווען זינלאָז אין איר לאגע, ביי די שוין אזויפיל יאָרן איינגעשטעלטע באַציונגען, זאָל זי זיך ווענדן צו דער פיזישער מאמע. זי האָט גערופן א אינסים באדערפעניש, א איינגעבוירן געפיל, אייביק ווי אלע אייביקייטן:

— מאמע...

זי האָט געהערט קלינגען דעם זייגער אלע שעה און אלע האלבע שעה, אויף קיין מינוט נית איינגעדרעמלט. ווען ס׳האָט געקלונגען פיר, האָט זי זיך שטיל אָנגעטון, ארויסגעגאַן פון שטוב, אריבערגעגאַן צום פליגל, אָנגע־קלאפּט ביים פאָטער. דער אלטער, וואָס האָט זיך שוין פריי ווי געהאט אויפגעכאַפּט פון זײַן קורצן שלאָף, האָט

געפּנט. ער איז געווען איבערנעשראָקן, אָבער ריטא האָט אים בארויקט:

— די נאַכט איז אזוי לאַנג. די זײַטן טוען ווי פונם ליגן.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים הויוואלע, צעזשארעט דאָס פײַער, אויפגעלעגט האלץ און געבעטן דעם אלטן:

— גיי, טאטע, לעג דיך צוריק. איך וועל אביסל זיצן.

זי איז אנשלאָפן געוואָרן אויפן בענקל זיצנדיק. דער אלטער האָט זי אויפגעוועקט און געפּועלט זי זאָל זיך צולעגן אויף דער קאנאפּע. זי איז באלד אנשלאָפן געוואָרן. ברוך־בענעדיקט איז געשטאנען איבער איר און געוואַכט. ער האָט זיך אויף די שפּיץ־פינגער צוגעשארט צום פענצטער, בלויז מיט די ליפּן א שעפּטשע געטון:

— אָרמעס קינד...

ער האָט זיך געפילט הילפלאָז, מאַטלאָז. אן אלטער טאטע.

אין איין הויף

יוסף איז געקומען צוזאַמען מיטן שרייבער׳ ריטאַן האָט עס געפרייט, כאָטש זי האָט פאַרשטאַנען, אז דער שרײַבער האָט אים געבראַכט׳ זי האָט זיך געפרייט מיט אים און זיך געשעמט מיט דער פרייד, נאָר פאַרבאָרגן ניט געקענט׳ זיי האָבן זיך באַזעצט אין סאַלאָן פון דער „אלטער שטוב״׳ יוסף איז געזעסן בײַם קאַמין׳ דער שרייבער האָט היימיש געשפּאַנט איבערן צימער, גערעדט מיט אויטאָריטעט איבער די מעלות פון דער אָדער פון יענער זאַך׳ אלצדינג איז ביי אים באַטראַכט געוואָרן פון העכערע שטאַנדפונקטן׳ ער איז געווען אליין א שטיק מאָנדענער זהר׳ ער האָט גערעדט שיין׳ און כאָטש ריטאַן האָט דאָס די לעצטע צײַט שאָקירט, האָט זי הײַנט געהערט מיט פאַרגעניגן׳ זי האָט אפילו ניט געטראָגן קיין שנאה אויף אים פאַר דער בעכטיקער אנטדעקונג אירער, גלײַך איבער נאַכט איז זי אלט געוואָרן אָדער דער ענין איז אלט געוואָרן׳ עס האָט זי געפרייט וואָס יוסף איז געקומען׳ עס איז איר געווען געננוג׳

מאַריאַנע איז עטלעכע מאָל ארײַנגעקומען, ארויסגעגאַן, געווען מכלומרשט שטאַרק באַשעפטיקט, אָבער

סוף־כל־סוף זיך אָפּגעשטעלט אקעגן יוסף׳ן און אים דערקלערט:

— איר האָט שטאַרק אָפּגעצערט די לעצטע צייט. איר זעט שלעכט אויס.

יוסף האָט געשוויגן, נאָר דער שרייבער האָט א זאָג געטון פרום:

— ס׳איז נישט קיין צייט פון פאַריכטן זיך...

ער איז דאָך באַלד רויט געוואָרן: ער אַליין האָט זיך זער שען פאַריכט... ער איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שענער און צעוואַקסענער. מען האָט געזען באַשיימפּערלעך, אז ער נעמט זיך נישט מי יודע ווי צום האַרצן, די צרות פון דער וועלט.

עס האָט אָבער קיינער אים גאָרנישט אָפּגעווענדט, ווייל אין תוך האָט ער דאָך געהאַט רעכט. און יוסף, ביט־געקוקט אויף זיין געוויינלעכער מאָגערקייט, האָט זיך דאָך די פאַרענדערונג געלאָזט אויף אים דערקענען. עס איז געווען קלאָר, אז ער לעבט זער שווער.

ריטא האָט געמאַכט קאַווע, פאַר יוסף׳ן געבראַכט קאַווע מיט מילך, פּוטערברויט, אימפּראָוויזירט אין דעם סאַלאָן א היימישן וואַרעמעס. די געמיטער האָבן זיך דערוואַרעמט, דאָס נשמה־אייז האָט נאָכגעלאָזט. יוסף האָט זיך צערעדט מיטן שרייבער, אָבער אזוי אז דער גע־שפּרעך האָט זיך אָנגעקערט אויך צו די אנדערע צוויי. איבער די פּאָעמען, וואָס יענער האָט אָנגעשריבן פאַר דער לעצטער צייט. דער שרייבער איז ווירקליך געוואַקסן אין טאַלענט, און געוואַקסן ראַש. סיי זיינע טעמעס, סיי די קינסטלערישע מיטלען האָבן זיך פיל אויסגעברייטערט. ער האָט, באַשיימפּערלעך, אַראָפּגעוואָרפן די קליידער פון

יוגנט־דיכטונג. ער איז געוואָרן אַ מאַן. יוסף האָט געלויבט זײַנע לעצטע פּאָעמען און דער שרײַבער האָט געמוזט פּאָרליינען און דערקלערן דעם אינהאַלט.

ביידע, סיי ריטאַ סיי מאַריאַנע, האָבן קנאַפּ וואָס פאַרשטאַנען, כאָטש ריטאַ האָט געקענט יידיש און מאַריאַנע האָט געהאַט זער אַ פײַנעם חוש פאַר וואָרט־מוזיק, ווען מען האָט איר עס אפילו געלייענט אין אַ פרעמדער שפּראַך. דאָך האָט מאַריאַנע פון דעם איבער־זעצטן אינהאַלט געכאַפּט עפּעס, זי האָט מיט איר זעל־טענער תפיסה געטראָפן צום קערן. ריטאַ האָט נישט פאַרמאָגט די פעאיקייט. זי איז געבוירן געוואָרן צו אַן אַנדער אַרט פּאָעזיע: צו שטילער גוטער מענטשלעכקייט.

יוסף האָט עס פאַרשטאַנען.

דער שמועס איז באַלד געוואָרן אַ דיאַלאָג: צווישן שרייבער און מאַריאַנען. ריטאַ האָט זיך באַזעצט לעבן יוסף׳ן און אים איינפאַך אויסגעפרעגט, צי איז געניג וואַרעם ביי אים אין דר׳היים?.. ווי אַזוי עסט ער? וואָס? פאַרוואָס זאָל ער ניט ברענגען זײַן וועש צו זיי, מען וואַשט סײַ ווי אַזויפיל, וועט מען אויך זײַנס וואַשן... און ווידער, מען דאַרף פאַריכטן...

יוסף האָט גיט געענטפערט. ער האָט זיך פעסטער פאַרפאַנצערט, געפילט אַז די ביינער פונם קאָפּ קומען זיך צונויף, ווי צו פאַרטיידיקן זיך פאַר אַ געפאַר. ער האָט זיך געוועהרט קעגן דער צערטלעכקייט. געשוויגן.

ריטאַ האָט איינפאַך אַ זאָג געטון:

— איך האָב אייך מיט עפּעס באַליידיקט?

יוסף האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף לחלוטין:

— ניין...

און באלד א שמייכל געטון:

— ריטא באליידיקט זיך אליין אָפּט אומזיסט, און יענעם קיינמאָל נישט, ווען אפילו סע קומט אים.

ריטא האָט געענטפערט:

— אייך וועל איך קיינמאָל נישט באליידיקן... און אנדערע ווייס איך נישט.

פונם דיאַלאָג צווישן מאַריאַנען און דעם שרייבער איז ארויסגעקומען א פלוצלינדיקע איינלאדונג. מאַריאַנע האָט אים צו ווייזן א זאַך, וואָס וועט אים אינטערעסירן: א עלעגאַנטע אויסגאַבע פון היינעס „בוך דער לידער". ער האָט זיך אנטשולדיקט פאַר ריטאַן און יוסף'ן, געמאַכט א ווערטל:

— אז דער יצר־הרע שליסט א שותפות מיט היינען, מוז מען גיין!

יוסף האָט ווידעראַמאָל גענומען לויבן דעם יונגנמאַן:

— ער וועט זיין א גרויסער שרייבער ביי יידן מיט דער צייט. ער האָט זער פיל מיטלען, און פאַרמאָגט נאָך צופּאסונגס־פעאיקייטן, וואָס מאַכן אים גרינגער דעם וועג. ער וועט נישט פאַרלירן זיין ענערגיע אומזיסט. איך קען שטעלן א געוועט אויף זיין טאַלענט...

ריטא האָט זיך געקנייטשט. זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן און נישט געוואַגט. יוסף האָט עס באמערקט און זיך געוואונדערט:

— איר זענט נישט מסכים מיט מיר?— פאַרוואָס?

ריטא האָט געענטפערט:

— איך שעם מיך צו זאָגן. איך בין אַזאַ קליינע מבינ'טע אין די זאַכן...

יוסף'ן האָט עס פאַראינטערעסירט. ריטא איז קיינמאָל

נישט קיין קעגנערין. „זי איז נישט געבוירן פאַר דער אָפּאָזיציע” פלעג ער אַמאָל ביי זיך א שפּאַס טון. און דאָ פּלוצים אַזאַ אומאפהענגיקייט. ער איז צוגעשטאנען. ער וויל דאָך הערן, וואָס טראַכט זי וועגן דעם, ווען ער האלט פאַר א גרויסן גאָר א גרויסן צוקונפטיקן פּאָעט.

ריטא האָט זיך געמינעט און סוף־כל־סוף געזאָגט:

— איך ווייס נישט... איך לייען אזוי ווייניק... נאָר... מיך שאָקירט עפּעס אין אים... האָט איר באמערקט, וויפל מאָל ער באנוצט די ווערטער „פרום” און „הייליק”?.. אזויפיל הייליק קען זיין נאָר א... היפּאָקריט, און אזוי פרומאַקיש קען נאָר זיין א... לעוואנטינער... א טראָפּי־קאַנט... אָט א שטייגער ווי די גריכן, וואָס פּאָרן אום האנדלען מיט הייליקער ערד... מיט הייליק וואסער...

יוסף האָט נישט געקענט אָננעמען, אז זי מיינט עס טאקע ערנסט, און ער האָט א זאָג געטון האלב אין א שפּאַס:

— אויסערלעך זעט ער אויס מערער ווי א מיטל־לענדער... דאָס איז דאָך אָבער ניט קיין חסרון...

ריטא האָט דאַס מאָל געענטפערט פּראָמפּט:

— ביי מיר אין די אויגן האָט ער א פּנים פון א בוהיי. און דאָס שרייבן זיינס מאַכט אויף מיר דעם איינדרוק ווי דאָס מרוקען פון א בוהיי. ער האָט מיר געלייענט אַמאל יונגט־לידער, זענען זיי מיר געפעלן און כ׳האָב געהאט דעם איינדרוק, ווי איך הער א לערכע אין פעלד גאנצפרי, ווען די זון הייבט זיך אויף. איצט מיין איך, אז כ׳האָב געהאט א טעות, אז אין אמתן איז ער געווען א יונג שיין קעלבל. נו, דאָס קעלבל איז געוואָרן שוין א דערוואַקסענער בוהיי...

זי האָט זיך פאַרהאַקט, געפּילט ווי דאָס פּנים פלאמט־
איר פאַר בושה. די אויגן האָבן זיך אָנגעפולט מיט טרערן.
יוסף האָט זי באַטראַכט איבעראַשט. ער האָט זיך
אויף אַזוינעם ניט געריכט. ער האָט ניט מער גע־
זאָגט, ווי —

— ריטא!...

ריטא האָט געשמייכלט דורך טרערן, זי האָט זיך
אויסגעווישט פּשוט, מיט די דלאָניעס, די אויגן און אַ זאָג
געטון:

— איך בין פאַרבליבן אַ איינפאַכע דאָרף־שיקסע...
מיר האָבן געהאט אַ סך יאָרן אַ מאַיאָנטעק. איך פלעג
אָפט פאָרן מיטן טאַטן אַהין. איך האָב ליב געהאט זיך צו
צוקוקן צו אַלע חיות דאָרטן. זיי זענען ערלעכער און
אויפריכטיקער פון מענטשן... פון דאָרטן אַ פּנים איז מיר
פאַרבליבן דאָס דאָזיקע, דער פאַרגלייך מיטן בוהיי.

יוסף'ן האָט עס איצט אַמוזירט. ער האָט מיט שפּאַס
א פרעג געטון:

— פאַרוואָס נאָך א בוהיי, פאַרוואָס ניט עפּעס אַן
אנדערע חיה?

ריטא האָט געהויבן מיט די אקסל:

— איך ווייס ניט... און... פאַר א האָן איז ער
צו גרויס.

זיי האָבן געהערט אָנקומען פרוי קראָכמאל. ריטאס
פּנים האָט זיך אָנגעצונדן. יוסף האָט נאָך קיינמאָל ניט
געזען אין אירע אויגן אַזויפיל צאָרן. נאָר זי האָט
אנטשלאָסן און זעלבסט־באַהערשט פאָרגעשלאָגן:

— איר ווילט, לאָמיר ארייַנגיין אביסל צום טאַטן.
ער האָט נישט געהאט גאָרנישט קעגן.

פרוי קראָכמאל האָט אים אָפגעשטעלט, זי האָט אויך געפונען, אז ער האָט שטאַרק אָפגעמאָגערט. אים געראָטן עסן שינקען, וואָס מער שינקען!

— סע קוויטשעט טאַקע, אָבער מען מאַכט זיך ניט הערנדיק. מען ווערט דערפון פעט. קוקט ווי קיין עין־הרע אייער חבר זעט אויס. ער איז א מענטש!

ריטא האָט כמעט מיט כוח פארנומען מיט זיך יוסף׳ן.

דער אלטער איז געווען איבערגליקלעך. נאָר וואָס ער איז אים אויפן האלדז ניט ארויפגעפאלן. ער האָט געזאָגט אָפנהערציק:

— מיר האָבן דאָ געבענקט נאָך אייך.

עס איז דאָ געווען פיל ווארעמער, ווי אין סאַלאָן. דער אלטער האָט אים באזעצט לעבן גרויסן קאפל־אויוון, זיך אליין באזעצט דערנעבן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע, און אונטערגענומען איינע פון זיינע לאנגע רייזעס — די געשפרעכן, וואָס ער האָט געפירט מיט זיך אליין שטונדן און טעג, האָט ער איצט אויסגערעדט פאַר דעם צוהערער. יוסף האָט אים גוטוויליק אויסגעהערט.

ריטא האָט אים געלאָזט מיטן פאָטער און אליין געגאנגען אין דער אַלטער שטוב באזאָרגן די געלעגערס פון די קינדער, זיי צוגרייטן אלצדינג פאַר מאָרגן אין דער פרי ווען זיי וועלן דאַרפן גיין אין שול אריין.

ברוך־בענעדיקט איז אָבער ניט באשערט געווען קיין נחת.

פרוי קראָכמאל איז עטלעכע מאָל אריינגעקומען, עפעס געזוכט אין א שראַנק, געזוכט איין מאָל און נישט

געפונען, אוועקגעגאַן און צוריקגעקומען און ווידער געזוכט. אינצווישן געגיבן יוסף׳ן עטלעכע מעדיצינישע עצות, ער וואָלט געדאַרפט נעמען אָט יענעם מעדיקאַמענט. עס וואָלט ניט געשאַדט קיין באַנקעס, פון צייט צו צײַט. און דער עיקר איז — פלייש, עסן אַ סך פלייש:

— אינטעלעקטואַלן דאַרפן עסן אַ סך פלייש!

דער אַלטער האָט זיך ווי אויף קוילן געבראָטן. ער האָט נישט אויסגעהאַלטן:

— נעם דיר וואָס דו דאַרפסט און גיי...

זי האָט זיך אָבער, ווײַזט אויס, פאַרלעגט אויף אים היינט. זי איז ניט אַוועקגעגאַן, נאָר זיך אָנגעשפאַרט אין שראַנק — יוסף האָט באַמערקט, אַז זי איז נאָך גענוג שיין און פאַרמאָגט גענוג פײַער אין בליק — און אַ זאָג געטון מיט ציניזם:

— הער יאָזעף, גלייבט אים נישט. איך קען אים שוין זײַט דרײַסיק יאָר. אַזוי איז ער פון שטענדיק געווען... אַ בײַשן און אַן עקשן!

ברוך־בענעדיקט איז אַרײַן אין גרים־צאָרן:

— די מינוט זאָלסטו דיר גייען! עס דאַרפן דיך נאָך פרעמדע קענען?...

זי האָט זיך קוים גערירט פונם אָרט. זי האָט פאַר־טײַטשט איר ווערטל:

— ביז איך רעד אים אײַן איז ער אַ בײַשן. און דערנאָך...

— גיי אַרויס!

ברוך־בענעדיקט האָט געדונערט ניט מיט זײַן קול, ריטאַ האָט אַזש דערהערט און איז געקומען צולויפן אין שרעק:

— וואָס איז דאָ?

פרוי קראָכמאַל האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איר. זי איז אוועקגעגאַן מיט א קאַלטן און שפּאָטישן:

— גוטע נאַכט, הער יאָזעף.

עס איז געווען א אויסערסט פּיינלעכע לאַגע. יוסף וואָלט זיך געוועז גערן אויפגעהויבן און אוועקגעגאַן, אָבער ווי אזוי לאָזט מען איבער די מענטשן מיט זייער בושה?

איז אים געקומען אין קאָפּ א איינפאַך מיטל. ער האָט א זאָג געטון צו ריטאַן:

— ריטא, ווען איר ווילט ווייזן, אז איר זענט א בריה...

ריטא האָט פארשטאַנען און אים אקעגן געקומען, כאָטש עס איז איר געווען ביטער ווי גאַל:

— וואָס זשע וואָלט איך געטון?

— איר וואָלט געמאַכט א גוטע טערקישע קאַפע, אזוי ווי איר קענט, איך מיין צוויי קאַפעס, און פאַרוואָס נישט דריי?

זי האָט פארשטאַנען זיין נאַאיוון איינפאַל, דאָך א זאָג געטון:

— אזויפיל בריה בין איך נאָך.

זיי זענען געבליבן זאַלבעצוויי: יוסף און ברוך־בענעדיקט. לאַנג געשוויגן. דערנאָך איז דער אלטער צוגעגאַן נענטער און איבערגעחזרט די פראַגע, וואָס ער האָט שוין מערערע מאָל פריער געשטעלט:

— הער יאָזעף, איר זענט א געשייטער מענטש און א געבילדעטער מאַן, זאָגט מיר, צוליב וואָס לעבט א מענטש?

ניט באַקומענדיק קיין ענטפער און אפשר אויך ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער ווייטער געצויגן זיין „קהלת":

— מעגלעך, א יונגער מענטש האָט גאָך רעכט צו לעבן. אָבער איך... א זאַק מיט ביינער...

ריטא האָט געבראַכט צוויי שאָלן טערקישע קאַפע, זיך אנטשולדיקט, זי האָט נאָך אביסל אַרבעט, זי וועט באלד קומען. און זיי געלאָזט אליין.

יוסף האָט דערפילט די וואַרימקייט פון שטוב. זי האָט געלעשטשעט דעם אויסגעמאַרכעוועטן אויסגעצערטן קערפּער. ער האָט זיך אָפּגעגיבן דעם געפיל פון היימיש־קייט, זיך אָנגעשפּאַרט אָן קעפּל פון דער קאַנאַפּע, געקוקט אין דער נאַכט אריין, געקוקט אלץ טיפער און טיפער, ביז ער האָט אָנגעהויבן זעען. און דעמאָלט איז שוין דעם אלטנס לאַמענטאַציעס פאַרביי זיין אויער, ניט אריינ־דרינגענדיק. ער איז געווען אינגאַנצן ראיה. ער האָט געזען אויף הונדערטער מיילן, ווי זיינע לעגענדאַרישע זיידעס, אין די נאַאיווע פאָלקס־מעשיות.

דעם צושטאַנד האָט איבערגעריסן דער שרייבער. ער איז אָנגעקומען פון מאַריאַנען. פריילעך באַגריסט דעם אלטן, האָט ער זיך געווענדעט צו יוסף׳ן:

— זער א אינטערעסאַנטע היינע־אויסגאַבע. זי האָט געשמאַק, די נאַפּקעו...

און דערזעענדיק יוסף׳ס שאָל קאַפע שטייען ניט גערירט, האָט ער זי אויסגעטרונקען, זער געלויבט:

— א וואונדערבאַרע קאַפע... געבענטשט זאָלן זיין די הענט וואָס האָבן זי געמאַכט.

מאַריאַנע, וואָס האָט קיינמאָל ניט איבערגעשפּאַנט די שוועל פון דעם צימער, האָט איצט אויך זיך אריינגעכאַפּט. אויסגעפרעגט דעם אלטן זער לייטיש וועגן זיין געזונט און זיך באַלד געזעגנדעט צו יוסף'ן:

— ער האָט אייך דערציילט וואָס פאַר א ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט איך באַזיץ?

יוסף האָט געשוויגן. ער האָט נישט געוואָלט זאָגן, אז ס'איז גאָרנישט קיין זעלטנקייט אָט די אויסגאַבע, און בכלל איז ער געווען „נישט הי"ּ.

ריטאַ איז געקומען, געבראַכט אָונט־ברויט פאַרן פאָטער און פאַר יוסף'ן. יוסף האָט געהאַט בדעה צו דאַנקען און אָפּזאָגן, עס האָט אים אָבער ניט געהאָלפן. און אז ער האָט אָפּגעגעסן און דערקלערט, אז ס'איז שפּעט, ער מוז זיין אין דער היים, האָט ברוך־בענעדיקט פּלוצים אָנגעהויבן בעטן:

— בלייבט ביי אונז, הער יאָזעף! עס איז וואַרעם, איר וועט האָבן א גוט געלעגער. מיך וועט איר מחיה זיין. איך האָב דאָך נישט מיט וועמען א וואָרט צו רעדן.

יוסף איז געבליבן ווי געפּלעפט פון דעם אומדערוואַרטעטן פאָרשלאַג. און דאָ דער שרייבער האָט זיך פּלוצים געגיבן א שטעל אוועק, און, מיטן טאָן פון א עלטערן, אריינגערעדט:

— בלייבט, מענטש, נעכטיקן, וואַרעמט אייך אמאָל אָן, שלאָפט אַמאָל אויף א מענטשלעך געלעגער... איר בענקט נאָך אייער תפיסה? איר וועט זי ניט אָנווערן מאָרגן!

יוסף איז געשטאַנען און געקוקט אין פאַרלוירנקייט

אויף די ארומיקע, נאָר דאָ איז אונטערגעקומען אומדער־וואַרטעט ריטאַ:

— איר האָט אפשר דאַרטן ביי אייך עפעס פאַרמעגן?

יוסף האָט אַ שמייכל געטון. עס איז אים געווען אַזוי־קאָמיש, אָט דאָס וואָרט „פאַרמעגן" אָנגעמאָסטן צו׳נ׳אים.

און איידער ער האָט צייט געהאַט צו עפענען דאָס מויל עפעס צו זאָגן, איז דער שרייבער אַריינגעפאַלן:

— שטייט! ער האָט! זאָל איך אויסזאָגן? ער האָט אַ דייטשע ביבל, אָט אַזוי גראָב איז זי... מסתּמא פון אַ סך ביר... און אַ „מדרש־פּנחס", איז ער אַזוי דין... מסתּמא פון תּעניתים.

יוסף איז געוואָרן בלייך און געל. צו אַלעמענס חידוש האָט ער אַ זאָג געטון אומרויִק:

— יאָ, איך מוז גייען. איך קען נישט לאָזן די ספרים אַליין.

דער שרייבער האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער:

— די ספרים!

אָבער יוסף איז געווען ווי פון שטאָל. ער מוז גיין.

ריטאַ האָט זיך דאַן אָנגערופן:

— אַ ביבל איז דאָ ביי אונדז אויכעט... נאָר יענץ, ווי הייסט עס? פּנחס...

מאַריאַנע האָט זיך אַריינגעמישט:

— איך קען אייך גיבן „זשאַן קריסטאָף".

יוסף איז טרוד געוואָרן. ער איז געבליבן.

דער שרייבער איז אַוועקגעגאַן, נישט פאַרגעסן פאַרן אַוועקגיין צו זאָגן, אַ טאָפּ טועבדיק, מעשה אַלטגעזעסענער באַלעבאָס, די קאַנאַפּע:

— א טײַערע קאַנאַפּע. א באַלעבאַטישע קאַנאַפּע... איר וועט אײַך מחיה זײַן, מענטש איינער, מ׳האָט אײַך נאָך געדאַרפט איינרעדן!..

יוסף איז געזעסן טרויעריק. ער האָט געבענקט נאָך זײַן „היים״, דעם קליינעם ניט־געהייצטן צימער, נאָך זײַן אײַזערנעם בעטל מיטן האַרטן שטרוי־זאַק, נאָך די כמורנע פיר ווענט. געבענקט נאָך דעם ביסל פרײַהײַט, וואָס זײַן אָרימער פיזישער פאַרמעג האָט געהאט דאָרטן, די פרײַהײַט צו זײַן אליין מיטן אייגענעם טרויער, מיט דער אייגענער אָרעמקייט, מיט די שטומע ווענט. ער האָט גע־בענקט נאָך די צוויי ספרים...

ריטא האָט אויסגעבעט די קאַנאַפּע. קיין וואָרט פון מויל ניט ארויסגעבראַכט. געענדיקט דאָס בעטן, האָט זי אים נאָר מיט א צייכן אָנגעוויזן, ווי מען לאדט איין אַן אורח א פרעמדשפּראַכיקן.

אז ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען דאָס זאָרגפעלטיק אויסגעבעטע געלעגער, דאָס שניי־ווײַסע בעטצײַג פון וועלכן ס׳האָט געשמעקט מיט היים, מיט ריכטיקער מענטשלעכער היים, איז אים זײַן טרויער לינדער געוואָרן. ריטא האָט עס באַמערקט. א שמייכל געטון:

— גיין ברענגען אײַך אונזער ביבל? זי איז אין העברעאיש מיט דייטשער איבערזעצונג...

ער האָט געענטפערט מילד:

— איר האלט מיך שוין מער פאַר א דײַטש ווי פאַר א יידן... און איך קום ארויס פון דעם סאמע געדיכטן!

ריטא האָט געקוקט פארוונדערט: יוסף האָט קיין־מאָל וועגן זיך ניט גערעדט!

זי האָט אים געבראַכט דעם אלטנס חומשים מיטן באור, פארדעקט דעם טיש מיט זייַ.

ריטא האָט שוין געהאלטן ביי פאַרלאָזן דאָס צימער, האָט זיך באוויזן מאַריאַנע מיט „זשאַן קריסטאָף" און א זאָג געטון:

— הער יאָזעף, נאָך איין ביבל!

יוסף האָט זי אָנגעקוקט מיט ברייט צעעפנטע אויגן. ער האָט נישט געוווּסט, צי זאגט זי עס ערנסט, צי שפּאַסט זי. ער האָט צוגענומען דעם בוך, א בלעטער געטון און צוריקגעגיבן:

— איך בין מיד. איך וועל ניט קענען לייענען. א דאנק אייך.

ריטא האָט אָנגעבעטן דעם פאָטער, ער זאָל אים ניט פּלאגן, ער זאָל אים לאָזן שלאָפן און דער אלטער, כאָטש עס איז אים געווען שווער, האָט געפאָלגט. זי האָט אויך געזאָגט יוסף'ן ער זאָל בעסער לייענען אויפן געלעגער, דאָס ליכט קען מען ברענגען צום צוקאָפּנס. אָט דאָ שליסט זיך עס איין. זי האָט געהאט א כוונה, ער זאָל זיך וואָס פריער לעגן. זי האָט פארשטאנען, אז ער וועט מוזן אנשלאָפן ווערן תיכף.

און עס איז אזוי געווען. דער אויסגעפּלאגטער קערפּער איז ניט בייגעשטאנען דעם כישוף פון ציכטיקן און וואַרעמען געלעגער. יוסף איז אנשלאָפן געוואָרן אזוי, ווי ס'איז שוין א סך יאָרן נישט געשען מיט אים.

ער האָט צו מאָרגנס אפילו קיין אנונג ניט געהאט פון דעם, וואָס ס'האָט זיך אָפּגעטון אין יענער נאַכט לעבן זייַן טיר.

בלוט

„כי הדם הוא הנפש".

אין די „בלעטלעך" מאָטלס, זענען פאַראַן עפּיזאָדן, וואָס שטעלן אונדז אין א פאַרלעגנהייט. מאָטל פאַרצייכנט זיי אויף זײַן אופן, ווי א... אומרו, און ווי א צד וואָס איז א נוגע בדבר. מיר אָבער... מיר וואָס האָבן לחלוטין נישט קיין אינטערעס ארויסצושטעלן איין פּארשוין מיאוס, דעם אנדערן שיין... און דאָך!.. מיר נעמען למשל מאַריאנען. פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אויסזאָגן דעם אמת? מיר האָבן סימפּאַטיע פאַר איר. פאַרוואָס דאָס איז, איז שווער צו זאָגן. עס ווערט, גלויבן מיר, קיין שום שרייבער קיינמאָל ניט קענען דערקלערן די סיבות, פאַרוואָס ער האָט איין העלד פײַנט און דעם אנדערן ליב. מען וואָלט אפשר געקענט זאָגן אזוי: א שרייבער, ווי יעדער מענטש, פאַרמאָגט רעזערוון פון ליבשאַפט און סימפּאטיע, און אויך פון פײַנטשאפט און אנטיפּאטיע. ער מוז זיי אויסלאָדן, די רעזערוון. ער טוט עס דורך זײַנע העלדן.

און ווידער: יעדער שרייבער איז דאָך אין א געוויסער מאָס א דאָן־קיכאָט. ער איז פארליבט אין א נישט־

געשטויגענער דולצינעא און קעמפט מיט אויסגעהלומטע ווינט־מילן.

איז וואָס איז שייך צו מאַריאַנען —

זי האָט נעהאט א ביטערע נאַכט, יענע נאַכט, ווען יוסף האָט געגעכטיקט ביים אלטן עובר־בטל! צום אָנהייב איז זי אַהיימגעגאַן און זיך געזעצט לייענען. זיך פאַרלייענט ביז שפעט אין דער נאַכט. באַרויקט. און מיט אַמאָל טוט מיט איר א וואָרף: ניין, זי קען ניט מער זיך געלעגט, אין אָנטועכץ, אויפן בעט, פאַרמאַכט די אויגן. געפרווט — נישט טראַכטן, אנשלאָפן ווערן. פוסטע! עס האָט זיך פאַר די אויגן געדרייט — יוסף.

נישט מעגלעך געווען אָפצוציען דעם געדאנק אויף עפּעס אנדערש. וועגן וואָס זי האָט נישט געפרווט זיך צו פאַרטראַכטן, איז אלץ ארויסגעקומען יוסף. ווארומעט זי האָט נישט געפרווט אנטרונען צו ווערן — עס איז נישט געגאנגען.

זי האָט זיך פונסניי געזעצט לייענען. זיך פאַרלייענט אביסל און ווידער דאָס זעלבע. דאָס האַרץ איז געגאנגען שטאַרק, דאָס בלוט איז געלאָפן אזוי אז זי האָט געפילט ווי סע זינגט אין די אָדערן. עס האָט אויף איר געברענט די הויט.

זי האָט געוואָלט ארויסגיין אויף דער לופט, זיך אָפקילן, האָט זי אָבער באדארפט דורכגיין די אנדערע צימערן, ווו ס'איז געשלאָפן די מוטער מיט איר, מאַריאַנעס, קינדר. דאן דער שוועסטערס צימער און צום סוף דאָס ערגסטע — דעם ברודערס. זי האָט א קוק געטון אין פענצטער. קעגנאיבער, אין קעך פון דער אלטער

שטוב, איז נאָך ליכטיק. דאָס האָט נאָך מסתם ריכא עפּעס אָן ארבעט· „און אפשר דרייט זי זיך אויכעט אזוי ארום?״...

מאַריאנע האָט איינגעדרייט דאָס ליכט, פאַמעלעכן גיעפנט א פענצטער און ארויסגעקראָכן אין דרויסן· די קעלט האָט זי אָפּגעפרישט עטוואָס, בארויקט. זי האָט זיך דורכשפּאַצירט דורכן הויף, צוגעגאַן צום קעך־פענצטער. ארײַנגעקוקט. יאָ, ס׳איז ריטא. זי איז געזעסן אָן ארבעט, אזוי, אָנגעשפּאַרט ביים טישל· אפשר איז זי אזוי אײַנשלאָפן געוואָרן?·· מאַריאנע האָט זיך שטיל דערווײַטערט, ארײַנגעקראָכן צוריק דורכן פענצטער, עס פאַרמאַכט און געבליבן וואַרטן· זי איז אזוי געשטאנען און נאָכגעפאָלגט דעם ליכט אין קעך פון דער אלטער שטוב· דאָס לײַב האָט אויף איר געברענט, נאָר דאָס ליכט אקעגן האָט זי ווי געצוימט, ווי א פאַרדאַכט האלט אָפּ אַמאָל א ווילדע חיה פון ארויסגיין אויף רויב· זי האָט געוואַרט, אינגאַנצן איר אויפמערקזאמקייט האָט זיך קאָנצענטרירט אויף יענעם פענצטער·

דערנאָך האָט זי דערזען ווי סע עפנט זיך אַקעגן די טיר, ריטא קומט ארויס, שנײַדט שטיל דעם הויף, גייט צו צו דער טיר פונם האָל, וואָס פירט צום פאָטערס צימער· מאַריאנע האָט געפילט, אז עס פארפעלט איר אָטעם, דאָס בלוט זעצט אין קאָפּ מיט קראַפט· „געשיקט זיך?·· גייט עס ריכא צונ׳אים ? ריטא?״···

עס האָט געדויערט א פּאָר מינוט, וואָס מאַריאנען האָבן זיי גיזדאַכט אַן אייביקייט· זי הערט ריטאן גייען צוריק, זי קוקט זיך אום, ריטא, צו מאַריאַנעס פענצטער. זי פארשווינדט אין טיר, דאָס ליכט אין קעך ווערט אויס־

געלאָשן. ריטא איז ביי זיך, זי טוט זיך אויס. נאָך א פּאָר מינוט. פינצטער.

מאַריאַנע האָט ווידער געעפנט דאָס פענצטער. זי האָט געציטערט ווי אין א פיבער. זי איז ארויסגעקראָכן, געבליבן שטיין, זיך צוגעהערט. פארנומען נאָר דאָס אייגענע האַרץ־קלאַפּן און דאָס ציטערן פון די הענט און פיס. זי האָט געפילט אז זי קען איצט גיין גנבענען, אפילו הרגענען א מענטשן, מיט פאַמעלעכע טריט האָט זי זיך דערנעענטערט צו דער טיר פונם האָל. זי האָט געוווּסט, אז די טיר בלייבט שטענדיק אָפן, מען פארשליסט זי נישט. ציטערנדיק האָט זי געלעגט די האַנט אויף דער קליאַמקע. געפּרוווט עפענען די טיר, עס האָט זיך ניט געעפנט. גע־פּרוווט שטאַרקער, עס גייט נישט. דעמאלט איז איר געקומען א פאַרדאַכט, וואָס איז באלד איבערגעגאַן אין זיכערקייט:

— ריטא האָט פאַרשלאָסן — — —

— דאָס איז זי געזעסן אזוי שפּעט... דאָס איז זי געגאַנגען צו דער טיר אזוי שפּעט... זי האָט מורא געהאט פאַר מאַריאַנען....

— — — — — — —

עס איז אין איר אריין א רציחה, נאָר אויף צו צע־ברעכן די טיר... זי מוז אים האָבן, יוסף׳ן! זי וועט אים האָבן!... זי האָט זיך געפילט שטאַרק ווי א שמשון הגיבור. מיט איין שפּאַר זעצט זי אויס די גאַנצע טיר... האט זיך אָבער גענומען אין די הענט אריַין, צו זיך אליין גערעדט:

— וואָס גייסטו טון? דו חיה רעה! און דער

ברודער, די מאמע, די שוועסטער, אלע... מען וועט דיך דערשיסן!

זי האָט זיך אָנגעלענט אין דער וואַנט, געשטאַנען אַזוי און געקוקט אין דער נאַכט אַריַין, בליצשנעל האָט זיך געדרייט אין איר געדאַנק אַ קאַליידאָסקאָפּ פון נאַכט־לעבן, זיך געפילט בלוט־און־פלייש קרובהשאַפט מיט אַלע, מיט אַלע. זיך אינסטינקטיוו אַרומגעקוקט ווי אַ אייַנברע־כער... זי איז צוריק אַרייַנגעקראָכן אין צימער, זיך אַוועק־געלעגט אויפן בעט, געליגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, האַלב־פאַרגעסן זיך, צום סוף דערפילט אַ מידקייט, באַשלאָסן זיך אויסצוטון און זיך לעגן שלאָפן אויף אַן אמת. נאָר געמענדיק אויספירן דעם באַשלוס איז זי פלוצים שטיין געבליבן אויף די פיס, אין געדאַנק אַרויסגעלאָזט אַ שרעק־לעכע קללה אויף דער גאָרער וועלט און אַ זאָג געטון:

— יוסף! איך וועל דיך האָבן!

זי האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען פאַר אויפרעגונג, זיך צוגעשפאַרט צו דער וואַנט, דערפילט אַ טיר און אַ גע־דאַנק האָט אַ בליץ געטון:

— איך וועל זיַין דאָרטן... יוסף! איך וועל דיך האָבן!

עס האָט זיך געקאַטשעט אַ געלעכטער איבער אַלע אָדערן. אַ פרייד האָט זיך צעזונגען אין אַלע אירע גלידער, אין דער הויט, אין די שפּיץ־פינגער: יוסף, איך וועל דיך האָבן!

זי האָט גענומען אַרומטאַפּן די טיר.

עס איז געווען די טיר פון מאַריאַנעס צימער אין שותפותדיקן האָל אַריין. מיט דער טיר האָט זיך אָבער מאַריאַנעס משפחה קיינמאָל נישט גענוצט און נישט געהאַט קיין רעכט זי צו נוצן.

כדי דאָס נאָכמער אונטערצושטרײַכן און ׳עס מאַכן פאַר אומעגלעך, איז פון דער אנדערער זײַט, אין האָל, געשטאנען א שראנק אן אלטמאָדישער, א מאכיניע, וואָס האָט פאַרשטעלט די טיר נאָך מיט אן עודף. אויף איבערצורוקן דעם שראנק האָט מען באדאַרפט עטלעכע שטאַרקע מענער. מען האָט אים טאקע קיינמאָל ניט גערוקט. ער איז געשטאנען ווי א פעסטונג.

די טיר איז געווען מאסקירט פון דער זײַט פון מאַריאנעס צימער מיט א גרויסן פערסישן טעפיך.

מאַריאנע האָט דערפילט די טיר דורכן טעפיך, זיך דערמאנט אז זי פירט אין האָל ארײַן. אָבער דער שראנק? די פעסטונג?

זי האָט פאמעלעכן אראָפגענומען דעם טעפיך. אויפגעעפנט די טיר. און גענומען פאָרזיכטיק שטויסן איין פלאַנג פון דער מאכיניע.

מען האָט געדאַרפט זײַן א אויסשליסלעכער גבר אויף אָפצוטון דאָס שטיקל ארבעט, דערצו נאָך אין דער לאגע, ווען יעדער שטארקערער שאָרך האָט געקענט אויפוועקן עמיצן פון איריקע...

זי האָט געשטויסן מיט עקשנות, מיט אומגעוויינלעכער גבורה און רציחה. זי האָט אוועקגעשטופט איין זײַט שראנק, זיך דורכגעשטופט אין האָל און געבליבן שטיין אין א טײַך שווייס, אן אויסגעשעפטע און אויסגעמוטשעטע, א צעפּאטלטע, נאָר ווי א משוגע געוואָרענע חיה.

אין האָל איז געווען גוט קאלט אין פארגלייך מיט איר דערהיצטן קערפּער. זי האָט שווער געאָטעמט, געציטערט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין שראנק. זי האָט קוים קוים, ווי א זיפּענדיקער, געפּליסטערט:

— יוסף... יוסף... יוסף...

דערנאָך, מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט א פּרווו געטון די טיר אין אלטנס צימער... פארשלאָסן!..

אויף א מינוט האָט מאַריאַנע געהאט א געפיל, ווי עפּעס האָט זיך איר איבערגעדרייט אין מוח. איז זי אַראָפּ פונם זינען? זי איז געשטאַנען אָן ווילן, אָן צו וויסן ווו זי איז און וואָס זי זוכט. דערנאָך איז עס איר איבער־געגאַן. גלייך א כמארע איז אויף איר געליגן, זי צו־געדעקט, און די כמארע איז אוועק. עס האָט זיך איר אָנגעהויבן עפּעס לויטערן אין קאָפּ. דאָס בלוט איז געוועזן רויק. נאָר א גרויסע מידקייט און א צער, א שטילער באַנגדיקער צער האָט געזונגען אויף קוים מערקבארע סטרונער.

זי האָט שוין מער נישט געזאגט גאָרנישט מיט די ליפּן, נאָר דער געדאַנק האָט געברומט:

— יוסף... קום צו מיר... יוסף...

דערנאָך איז זי צוריקגעגאַנגען, געפּרווט צוריקרוקן דעם שראַנק. האָט שוין אָבער נישט געהאט נישט דעם כוח וואָס פריער, און נישט דעם אָנשפּאַר־פּונקט פון פריער. זי האָט איצט געמוזט שלעפּן די מאַכינע צו זיך. זי האָט געפילט, אַז זי פאלט באלד אוועק ביי דער ארבעט. זיך דאָך אָנגעשטרענגט ביז צום לעצט, ווי ס'איז ניט איז צוריקגעשלעפּט, צוריק פארדעקט די טיר מיטן טעפּיך, אריינגעפאלן אין געלעגער.

זי האָט ניט געדענקט מאַריאַנע, זי זאָל האָבן אַמאָל געוויינט. אזוי ווי איצט, געוויס ניט: די גאנצע נשמה האָט געוויינט.

ממעמקים

יוסף האָט זיך אויפגעכאפּט ווען ס׳איז שוין געווען גוט ליכטיק אין דרויסן. דער אלטער איז נאָך געליגן אויפן געלעגער. ריטא האָט אים געבראכט א קאווע, געשטעלט לעבן בעט, אים געזאָגט, אז ער דאַרף זיך ניט איילן, ער מעג נאָך ליגן אין בעט.

נישט געוווינט צו אזויפיל צערטלעכקייט, האָט זיך יוסף באלד אָנגעטון, זיך ארומגעוואשן און געהאט די געלעגנהייט זיך צו באקענען מיט ריטאס טאָג. אומעדום איז געווען איר אויג און איר האנט. עס איז געווען צום באוווּנדערן, ווי סע סטייעט איר אזויפיל צייט, ווי זי קומט אויס מיט אלעמען. זי איז דאָך געווען פאַקטיש א מאמע פון כמעט א האלב טוץ קינדער און געהאט אזויפיל צו באזאָרגן. פרוי קראָכמאל איז שוין פון גאנצפרי געווען אין פולן טואלעט און אוועקגעגאן אין שטאָט. זי האָט געלאָזט נאָך זיך א געפיל ווי זי וואָלט געווען ·· דירעקטאָר פון דער שטוב און נישט די פרוי, וואָס האָט די אלע קינדער געבוירן און געזויגן. יוסף איז געגאן פון צימער אין צימער, פארבראַכט אין קעך, אומעדום האָט זיך געמערקט און געפילט ריטאס אויג, ריטאס הענט. די דינסט

פון שטוב האָט ווי נישט עקזיסטירט, מען האָט זי ניט ארויסגעזען, סײַדן ווען זי האָט געדאַרפט עפעס פרעגן ריטאַן. דעמולט האָט מען געזען, אז ס׳איז נאָך פאַראַן א דינסט אין שטוב.

צוקוקנדיק זיך צו ריטא׳ן האָט יוסף׳ן אָנגעכאַפּט א חשק צונ׳ אן ארבעט... ער האָט זיך געבעטן ביי איר:

— ריטא, לאָזט מיך כאָטש א פּאָר שפּענדלעך אָנהאַקן.

זי איז געווען גליקליך... אָרים מיידל!

ארום צוועלף האָט זיך געיאוועט מאַריאַנע. זי איז געווען ניט פארפוצט, היימיש, פרימאָרגנדיק, קענטיק נישט לאנג פונם געלעגער.

ניט געקוקט אויף איר שווערער נאַכט, איז זי דאָך געווען פריש, מונטער. עס האָט אין איר געשפּילט דער חן, וואָס די נאטור גיט אייניקע מענטשן מיט א מילדער האַנט, ווי פארגעסן זיך און אויסגעשיט אינגאנצן, גאָר־נישט געלאָזט פאַר קיין אנדערע. יוסף האָט עס געפילט, ריטא האָט עס נעפילט. דער כישוף וואָס איז געקומען פון איר קערפּער איז געווען ניט צום בײַקומען. ער האָט זיך אויסגעטיילט פון איר ווי דער נאטירלעכער גוטער ריח פון א בוים אין בליען. עס האָט געוועקט קנאה.

מאַריאַנע האָט ארומגענומען ריטא׳ן, זי אביסל גע־מוסרט, פאַר איר האָרעווען, פאַר איר אָפּגיבן זיך נאָר מיט יענעם. דערקלערט יוסף׳ן, אז ריטא איז א הייליקע, און כדי מען זאָל איר גלויבן, זיך איבערגעצלמט, באַ־קומען דערביי דאָס פּנים פון א מאַדאָנע. יוסף האָט א קלער געטון:

— אַזאַ פרוי, אין אנדערע צײַטן און ביי גימנסטיקע געלעגנהייטן, קען אומברענגען גאנצע לענדער.

זי האָט אָפּגעלאָזט ריטאַ׳ן און זיך גענומען צו יוסף׳ן, געפונען אז ער זעט זער שלעכט אויס. ער וואָלט געטון גלייך ווען ער באראָט זיך מיט א דאָקטאָר.

— אויב איר ווילט, ברענג איך א דאָקטאר, דעם בעסטן.

און דערקלערט ריטאַן, וועמען זי וואָלט געבראכט: דעם עלטסטן דאָקטאר פונם היגן מיליטערישן שפּיטאָל, און צו יוסף׳ן:

— ער איז אויך א ייד... געווען, זייער גאנצע משפחה האָט זיך געטויפט, שוין זער לאַנג. אלע זענען זיי בארימטע וויסנשאפטס־מענער, זער אָנגעזעענע מענטשן, איבערהויפּט, פאַר זייער אָרנטלעכקייט... ער וועט קיין האָנאָראַר ניט נעמען...

ריטא ד׳האָט געשוויגן, דאָס פּנים האָט איר גע־פלאמט און אינגאנצן איז זי געווען אויפגערעגט. זי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן מאַריאַנען, זי דערווײַטערן, אָבער קיין מוט ניט געהאט, און מאַריאַנע האָט זיך געפילט ווי ביי זיך, ווי א געניטער אַקראָבאט איז זי געגאנגען איבער ריטאס נערוון, איבער יוסף׳ס אָפּגעשלאָסענע נשמה־ווענט, עס וואָלט קיינער ניט געווען ביכולת צו טראכטן, אז די זעלבע מאַריאַנע האָט דורכגעמאַכט אַזאַ נאַכט, אזוי דורכגעמאַכט, אז זי איז געווען ניט ווײַט דערפון אויסצו־בײַטן איר משפחה, איר אָפּשטאמונג, אלצדינג וואָס האָט זי געבונדן צו איר וועלט, צוליב דעם פרעמדן מאָגערן שוואַכן יידן.

יוסף האָט געוואָלט זיך אָפּגעזעגענען, זיך אומקערן

צו זיך אהיים, נאָר ריטא האָט אים פאַרהאַלטן. ברוך־בענעדיקט האָט אים איינגעבעטן. ער איז געבליבן. מיטאג־צייט האָט זיך ארײַנגעכאַפּט „אויף א פּאָר מינוט" דער שרייבער, געוועדט מיט נצחון:

— נו, זיך גוט אויסגעשלאָפן? איר האָט איצט גאָר אן אנדער פּנים!

ריטא האָט זיך געפרייט, געווען דאנקבאר, שיעור ניט פארגעסן איר טרויעריקע אנטדעקונג פון צוריק מיט צוויי טעג, אים אויך געלאדן צו מיטאג־עסן. ער האָט אָנגענומען דער שרייבער. און יוסף האָט געהאַט א געלעגנהייט צו זען ריטאן ביים טיש. זי איז געווען פארראשט, אלעמען איבזינען געהאַט, אליין כמעט ניט געגעסן. אויך ברוך־בענעדיקט האָט היינט געגעסן צוזאמען מיט אלע ביים טיש. און עס איז געווען ריטאס גליק, איר זײַן טרוד. אנדערש וואָלט זי געווען באמערקט, ווי די מוטער רוקט אונטער דעם שרייבער אַלעמאָל נאָך א גוט שטיקל, און זאָגט דערבײַ:

— א אינטעלעקטואל מוז עסן א סך פלייש...

— א אינטעלעקטואל מוז עסן א סך זיס...

און אפשר איז עס היינט שוין ריטאן געווען אינגאנצן אינדיפערענט.

נאָכן מיטאג האָט מען יוסף'ן גענויט זיך צולעגן אביסל, טאקע דאָרטן אין צימער ביים אלטן, אויף דער קאַנאַפּע. ריטא האָט אַהין געבראַכט קאפּע פאַרן פאָטער, פאַר יוסף'ן, פאַר זיך. דער שרײַבער איז באלד נאָכן מיטאג אוועק, ער האָט א לעקציע אין דער צייט. פרוי קראָכמאל האָט געהאַט צו טון אין שטאָט. זיי זענען געבליבן זאלבעדריט.

ער האָט זיך שוין לאנג ניט געפילט יוסף אין אַזאַ אַטמאָספער פון געשיצטקייט, ווי ער האָט עס געפילט אַצינדערט. אזוי האָבן זיך דעמולט געדאַרפט פילן מענטשן אין א נייטראל לאנד, וועמענס נייטראליטעט איז דערצו אבסאָלוט געזיכערט. עס איז געווען א אַטמאָספער פון זעלבסטלאָזער איבערגעבנהייט, אין אַזאַ אַטמאָספער ווערט מען צוריק א גלויביקער. מען הויבט אָן גלייבן אין מענטשן, אין לעבן און אין זין פונם לעבן. און פארגעסנ־דיק, אז עס איז נאָך פאַראַן א דריטער, האָט יוסף א שעפטשע געטון צו ריטאַן, עס אויסגעאָטעמט:

— איר זענט א ווויל מיידל, ריטא.

זי איז רויט געוואָרן. די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן, געוואָרן סאמע שווארצאפל, זיי האָבן זיך באַלד אָנגעפולט מיט טרערן, אויף א מאָמענט — באַלד האָט זי גע־שמייכלט:

— חוץ אייך און מיין פאָטער האָבן קיינער ניט די מיינונג.

עס איז זיי אָבער ניט באַשערט געווען דער נחת זאָל געדויערן א גאנצן טאָג. צום אָוונט צו האָט זיך געעפנט די טיר און אין דער באַגלייטונג פון מאַריאַנען איז אריינגעקומען דער שעף־אַרצט פון מיליטערישן שפּי־טאָל. פרוי קראָכמאל האָט זיך שוין געהאט אומגעקערט פון שטאָט, דערזען אַזאַ וויכטיקע פּערזאָן ביי זיך, איז זי אויך געקומען, זיך געראַשט, פאַרטײַטשט. עס האָט יוסף׳ן גאָרניט געהאלפן, ער האָט געמוזט לאָזן זיך אויס־הערן, זיך אויסקלאַפּן, ענטפערן אויף פראַגן. אָבער אויף די פראגן וועגן פאַמיליע, און בכלל אזעלעכס, וואָס האָט

געקענט ברענגען אויף די שפורן פון זײַן פאַרגאנגענהייט, קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו ענטפערן.

דער דאָקטאר האָט מיט מאַריאַנען גערעדט אויף דער אָרטיקער שפּראַך און כאָטש יוסף האָט ניט באהערשט די שפּראַך, דאָך פון דעם ביסל, וואָס ער האָט געקענט, האָט ער פארשטאנען, אז דער דאָקטאר געפונט א שפּיץ־לונגען קאטאַר, א שטאַרקע אַנעמיע. אז מען מוז אים פּפלעגן: עסן, וואָס מער עסן!

מאַדאַם קראָכמאל האָט טריאומפירט...

עס איז געווען שוין גוט טונקל ווען דער דאָקטאר איז אוועקגעגאַן מיט מאַריאַנען. יוסף איז געווען דער־שלאָגן פון דעם פּלוצימדיקן באזוך, פונם גייען מיט די פינגער איבער זײַן קערפּער. ער האָט איצט מיט אויסער־געוויינלעכער שאַרפקייט געבענקט צוריק צו זיין צימער, ווו ער קען זײַן אליין מיט זיך, מיט זײַן פאַרגאַנגענהייט, מיט זײַנע קאָשמאַרן און זעאונגען, מיט זײַנע אָן ווערטער־דיקע תפילות.

ריטא איז געווען ניט ווייניקער נידערגעשלאָגן. עס איז ביי איר געווען ווי א איבערפאל פון א שונא, אָט דער אומגעריכטער וויזיט פונם דאָקטאר. זי האָט ביי זיך חושד געווען מאַריאַנען, אז זי האָט עס געטון מיט א כיוון, כדי איר צו צעשטערן די רויקייט פון יוסף׳ס אָנ־וועזנהייט. זי האָט זיך געפילט שולדיק קעגן יוסף׳ן. און זי איז געווען גליקלעך ווען ס׳האָט אָנגעטראָגן איינעם פון די יונגע־לייט, וואָס פלעגן אויך אמאָל ארײַנקומען צו זיי און וואָס פלעג אָפּויצן שעהנווייז אליין מיטן שאך

ברעטל פאַר זיך, שפּילן אַליין מיט זיך און אָוועקגיין אָן אַ גוטן־טאָג. זי האָט זיך איצט מיט אים דערפרייט, כאָטש געוויינטלעך איז איר געווען מיט אים אומהיימלעך, אָן אַ באַשטימטער סיבה.

יוסף האָט זיך אויך דערפרייט. ער האָט פון דעם יונגנמאַן געהאַלטן. עס האָט אים געצויגן צו אים. יענער פלעג אָבער פאַרפאַלן ווערן וואָכנווייז אַ טרודער מיטן שאַך־שפּיל. יוסף איז געווען אַליין אַ קנאַפּער שאַך ליב־האָבער, האָט אָבער אַמאָל אין דער פריער יוגנט גאַנץ גוט געשפּילט. ער האָט נאָך געדענקט אַביסל. ריטאַ האָט געבראַכט דעם אַלטנס שאַך־קעסטל, די שיריים פון זיין יוגנט. מען האָט זיך געזעצט שפּילן. עס איז געוואָרן עפּעס פריילעכער. דער טרויער האָט זיך צוביסלעך אויס־געוועפּט.

מאַריאַנע האָט זיך געיאָוועט, זיך געחידושט. זי האָט ניט געוווסט, אַז יוסף שפּילט שאַך.

יוסף'ן זענען געפעלן די שאַרפזיניקע אויפטוען פון זיין פּאַרטנער. אייגנטלעך האָט געשפּילט יענער פאַר ביידע, ווייל ער האָט אַלעמאָל אויפמערקזאַם געמאַכט יוסף'ן אויף אַ פעלער, געוויזן אַ מעגלעך־בעסערן גאַנג, זיך געפרייט אויף יוסף'ס אַ געלונגענער המצאה.

אינצווישן האָט דער יונגערמאַן דערציילט נייעסן און אַ זאָג געטון אגב, אַז ער האָט געקראָגן היינט אַ אינפאָרמאַציע פון זער אַ וויכטיקער קוועלע, אַז ס'גייען שוין בשתיקה שלום־אונטערהאַנדלונגען:

— עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מיר זאָלן צום נייעם יאָר האָבן אַ סורפּריז: שלום.

יוסף איז געבליבן זיצן אזוי, ווי ער וואָלט פארלוירן יעדן קאָנטאַקט מיטן ארום, זיך אויסגעהוילט. אלע האָבן עס באמערקט, דערשראָקן געקוקט אויף אים. געמיינט אז ס׳איז אים ניט גוט. און פלוצים האָט ער מיט אימפעט א נעם געטון יענעם פאר די הענט און מיט א שטים, אין וועלכער עס איז געווען א רוף נאָך רעטונג פון איינעם וואָס טרענקט זיך און דערזעט א לאָדקע מיט מענטשן אָנקומען, אויסגערופן:

— שלום, זאָגט איר... עס גייען אונטערהאנדלונגען! גאָט! גאָט! גאָט!

ער איז אויסערלעך פארענדערט געווארן ווי אין א טראַנס.

די דריי ווערטער זענען גערופן געוואָרן מיט אזוי־פיל היץ, מיט אַזאַ בענקשאפט, אז די אָנוועזנדע איז דורך א ציטער דורכן לייַב. זיי האָבן מיטאַמאָל זיך איבערגעטראָגן אין אן אנדער אָרט. עס האָט זיך זיי אנטפלעקט דער גאנצער אומגליק פון דער מענטשהייט איר גרויסע שאנד — די מלחמה.

הרטה אין דער נאַכט

עס האָט יוסף׳ן גאָרניט געהאָלפן: ער האָט געמוזט זיך אָפּמעסטן די טעמפּעראַטור... דאָס האָט פרוי קראָכמאַל זיך אָנגעטשעפּעט און אויסגעפירט.

דער טערמאָמעטער האָט געוויזן נידריקער פון זעקס און דרייסיק און פרוי קראָכמאַל האָט געפּאַסקנט:

— שטאַרק אָפּגעשוואַכט... ער האָט רעכט דער משומד... אַ גרויסער דאָקטאָר!

און ווידער דערקלערט:

— פליישׂ... שוויַין... שפּעק...

זי האָט אים באַלד געבראַכט א גוט שטיק שפּעק און אים געלערנט עסן. ער האָט עס אָבער ניט געקענט פאַרנעמען, זיך געבעטן:

— איך קען נישט... בנאמנות איך קען נישט!

ביי פרוי קראָכמאַל גייט עס אָבער נישט אזוי... ער האָט געמוזט פּאַרזוכן, און ווידער פּאַרזוכן... און, גלייך זי האָט זיך פאַרלעגט אים היינט נאָך אויסצוהיילן, צוגעזאָגט אים אויסצושמירן מיט יאָד ווען ער וועט זיך האָבן געלעגט.

יוסף האָט געזען, אז יעדער קעגנשטעלן זיך איז אומזיסט. ער האָט זיך געלאָזט טון. מען האָט אים ארייַנגעלעגט אין בעט, אים אויסגעשמירט מיט יאָד און דערנאָך געגעבן טיי מיט מאלענע־זאפט. מאַריאנע האָט זיך אויך געראשט ארום אים צוזאמען מיט פרוי קראָכמאל. איין ריטא איז געווען ניט הי. זי האָט געהאט דאָס געפיל, אז מען דערוויַיטערט אים פון איר, מען נעמט אים ביי איר צו, און זי קען זיך דערביי ניט העלפן.

ברוך־בענעדיקט, וועמען די אָנוועזנהייט פון זיַין פרוי האָט שטענדיק געבראכט אין א שלעכטער שטימונג, איז אוועקגעגאן פון דר׳היים צו באקאנטע, א זאַך וואָס פלעג אים זער זעלטן פּאַסירן לעצטנס. ער איז זיך דאָרט שפּעט פארזעסן.

פרוי קראָכמאל האָט זיך סוף־כל־סוף צוריקגעצויגן און ריטא אויך. די טיר ניט פארשלאָסן, צוליבן אלטן.

יוסף איז געבליבן אליין. ענדלעך...

ער האָט געקושט די פינצטערניש מיט דאנקבארקייט. זיך געבעטן ביי איר: דעק מיך איין... דעק מיך איַין... זיך אָפּגעזונדערט מיט זיַין געלעגער פון ערד, האלץ, ווענט, כלים. זיך געזאָגט: מען קען דאָ שטאַרבן... עס איז א קליינע היים... אָט דאָס געלעגער... און ארום איז וועלט... חלל... אָן צוימען, אָן דראָטן... ער איז געשווימען מיטן געלעגער אין רוים, גלייך עס וואָלט זיַין א פלי־מאַשין און אין זיַין מוח דער מאָטאָר... ער האָט בישט געלאנדעט אין ערגעץ... עס איז שרעקלעך זיך

אָפּצושטעלן... ער האָט אַלעמאָל געצויגן אין אַן אנדער ריכטונג, אנטדעקט אלץ נייע און נייע אנטרינונג־פּונקטן, אבי ניט צו בלײַבן שטייען אויף קיין יבשה פון ווירקלעכקייט, אויף ממשות. און דאָס ממשות האָט אַטאַקירט. און פון אינעווייניק. פּאַרעטעריש... טראַנשעען, אויף חוזק געוואָרענע מענטשלעכע ליידן... אלצדינג חוזק, אלצדינג... ער איז געשווימען דעריבער... ווײַב... קינד... ווײַטער... ער האָט אָנגעהויבן שווימען העכער, העכער, אין רוים... עס האָבן זיך פון אינעווייניק, ווי א האָראָסקאָפּ, גענומען אויסלעגן פעלקער, לענדער, בערג, טאָלן, שטעט, פעלדער און פאבריקן. א אומבאקאנטע האנט האָט דאָס אלץ אָנגעשטעלט און די אייגענע האנט האָט ווי א דריק געטון א באהאלטענעם רעסאָר און באַפוילן: אויסשטעלן דעם האָראָסקאָפּ אזוי, אזוי... אויפברויז... יום־טוב... איבער אלע ברעגעס... רעוואָלוציע!..

די ביינער פונם שארבן האָבן אַזש געטראַסקעט, עס האָט זיך אים געדאַכט, אז דער מוח שפּאלט זיך אים, אָבער די אָנשטרענגונג איז ניט שוואכער געוואָרן, נײַערט געוואָרן שטארקער, די וויזיע אלץ מער קאָנקרעטער: אָט דאָ איז עס... אזוי איז עס... און א ציטער איבערן גאנצן לײַב: ווײַב, טויט... ברודער טויט... שוועסטער טויט...

ער האָט מיט גרויס מי זיך ארויסגעריסן פון דער סוגעסטיע און פון דער זעאונג וואָס האָט איבערגעשטיגן זײַן כוח. ער איז געליגן א צעשמעטערטער, מיט אויגן אָנגעשטעלט ווי מעסערס אין דעם חלל פונם צימער.

און פּלוצים האָט ער דערפילט א האַנט אויפן שטערן. אויפגעציטערט, אין איין שרעק. באלד דערקענט דעם קאָפּ איבער זיך:

— מאַריאַנע...

ווי אַ רעטונגס־נס איז זי אויף אים אַראָפּגעפאַלן. ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט:

— מאַריאַנע...

זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני פאַר זיין געלעגער, אים גענומען די הענט און געקושט, געקושט, מתפלל געווען:

— יעזוס — — — — —
— — — — — — —

ברוך־בענעדיקט האָט איבערגעריסן דעם וווּנדערלעכן עקסטאַז צושטאַנד. ער האָט עס נישט געטון מיט קיין כוונה, דער עלנטער אלטער מאַן. ער איז אָנגעקומען ווי אַלע אַלטע און איבעריקע קומען אָן... און דאָך איז גוט וואָס ס'איז אַזוי געשען: צו לאַנג טאָר קיין עקסטאַז ניט געדויערן, ווייל עס דראָעט אים די אייביקע באַנאַליטעט, וואָס לויערט פון יעדן ווינקל.

מאַריאַנע האָט דערהערט דעם אַלטנס טריט אין הויף. זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן פון דער ערד, אים אָפּגעזעגנט מיט אַ קוש אין שטערן, וואָס נאָר זי האָט אַזוי געקענט אַרויסברענגען און „לייכט ווי אַ פאַנטערע" — זאָגט מאָטל אומרו — זיך אַרויסגעכאַפּט אין האָל. דאָרטן האָט זי זיך באַהאַלטן אונטער דער מאַכיניע ביז דער אַלטער איז איבערגעגאַן. דאַן איז זי אַנטרונען אין הויף.

יוסף איז געלעגן, געקוקט אין די קעגנאיבערדיקע פענצטער און געטראַכט:

— אָט די מאַריאַנע, וואָס איז פול מיט זינד, קען אַמאָל אָפּרעטן א מענטשן פונם סאַמע ברעג פונם תהום. און ווײַטער? ווײַטער וועט די זעלבע מאַריאַנע אומ־ברענגען א וועלט מיט מענטשן צוליב איר אומאויפהער־לעכער גלוסטונג, צוליב א מינוט סעקסועלער באַפרידיקונג. און זי איז דאָך די בעסטע און פײַנסטע פון אלע מאַריאַ־נעס... וויפל זענען דען פאַראַן אזעלכע? וויפל זענען פאַראַן אזעלכע, וואָס קענען זיך דערהויבן צו חרטה, צו תפילה טון? איינע צוישן טויזנטער. די אנדערע גייען דאָך, זענען פעאיק צו גיין איבער מענטשלעכע לעבנס, איבער פרויען און קינדער קערפּערס, כדי צו באַפרידיקן זייער סעקסועלן סופּרא־געברויך, זייער סעקסועלן לוקס.

ער האָט זיך אויפגעזעצט אין געלעגער אין אויפ־רעגונג, האָט עמיצן געדראָעט:

— מערדער... איר זאמלט פאַרמעגן כדי צו מאַכן עס ירשענען אײַערע געזעצלעכע ממזרים, כדי זיי זאָלן אויך קענען זאמלען פאַרמעגן.

— זונות... איבער אייער גלוסטונג וואָס ווייסט נישט קיין זעט, זאָלן קינדער הונגערן און מאמעס אין אנגסטן פאַרגיין!

— פאַלשע נביאים... איר זאָגט כלומרשט נביאות אויף די רײַכע און רעדט איין די אָרימע, אז אייערע רײַכע זענען צדיקים, קדושים, אָפּקומער...

— פאַרלענדונג זאָל קומען... אויף אלעו!

ער האָט זיך פאַרדעכעט. אנגסטן זענען אים באַפאַלן. עס האָבן אים ווידער געפאַנגען זײַנע זעאונגען. ער האָט זיך ווי א שלאַנג געוויקלט. שפּעט אנשלאָפן געוואָרן און ווען ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעמטון פון די פאַרפאָל־

גונגען, ווען דער קערפּער איז איבערגעגאַן אינגאַנצן אין די הענט פון דעם זעכציקסטל וואָס אין נישט־זײַן, צום שלאָף, האָבן אים גענומען וועקן שרעקלעכע קולות, א געיאָמער, עס האָט אים צוריקגערופן צום זײַן, צו דער ערד, צום מענטשלעכן פּײַן, עס האָט אים דעם קאָפּ גע־שפּאָלטן, ער האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט, אראָפּגע־שפּרונגען אויף דער ערד דערשראָקן, צו צום פענצטער.

ברוך־בענעדיקט האָט אים פונם געלעגער ארויס בארויקט:

— הער יאָזעף... ס׳איז גאַרניכט... מײַן פרוי זאָגט תהלים... עס פּאַסירט איר גאנץ אָפט. זי בראָט דעם חזיר און זאָגט תהלים... זאָ, הער יאָזעף... לייגט אײַך צוריק, איר וועט אײַך נאָך פאַרקילן.

יוסף האָט געקוקט צום בעט פון וואנען דער אלטער האָט ארויסגערעדט ווי פון א סאַרקאָפאַג, געקוקט צום פענצטער אקעגן וואָס האָט געהאט שײַן פון דער קעך. ער האָט זיך אין דער טונקל אָנגעטון, פאמעלעך, מיט כוונה. אזוי פלעג מען זיך, אין זײַן קינדהייט, אָנטון ביינאַכט אז ס׳האָט געברענט ערגעץ אין שטעטל, נאָר דאָס פײַער איז געווען ווײַט... ניין: אזוי פלעג מען זיך אָנטון צו סליחות. ניין! אזוי פלעג מען זיך אָנטון, ווען מ׳האָט געהערט, אז א קראנקער קרוב א פארלוירענער, האלט ביי אלע לעצטן.

ער האָט דורכגעלעבט אלצדינג אין איין און דער־זעלבער צייט. ער האָט זיך אָנגעטון און, מערקווירדיק, אַטאָמיסטיש געזוכט מיט די הענט ערגעץ ווו אָפּצוגיסן

נעגל־וואַסער. ער איז אַרויסגעגאַן גאַנץ שטיל, נישט דערהערט דעם אַלטנס רייד וואָס יענער האָט גערעדט. אין דרויסן איז געווען אַ געדיכטער טומאַן. עס האָט געגעסן די אויגן. דער פראָסט איז דאָך געווען גענוג שטאַרק. שטיל. ער האָט זיך דערנעענטערט צום קעך־פענצטער און אַ קוק געטון. אויפן הויוון האָט זיך ווירקלעך געבראָטן אַ יונג חזירל. די שיקסע האָט זיך געפּאָרעט דערמיט. און פרוי קראָכמאַל איז געזעסן ביי דעם זעלבן טישל, ווו ריטאַ איז געזעסן נעכטן אויפדערנאַכט. עס איז געווען אַ אַנדערע פרוי קראָכמאַל. ניט די פאַרפוצטע סוחרטע, נאָר אַ צעבראָכענע יידענע. זי האָט געזאָגט תהלים פון אַ גרויסן סידור אַרויס. געזאָגט מיטן גאַנצן טראָפּ, ווי אַ מאַנצביל, אַקצענטירט ריכטיק, ווי איינער וואָס פאַרשטייט גוט פּירוש המלות. און געיאָמערט, אַז ס'האָט דאָס האַרץ אַרויסגעריסן.

יוסף איז געשטאַנען ווי פאַרגליווערט.

אַ דייטש...

מיטן טאָג־גלייך האָט יוסף אַוועקגעשפּאַנט. ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט. אויך דעם אלטן אַ וואָרט ניט געדאַכט. איבריקענס, דער אלטער איז אין יענער שעה געשמאַק געשלאָפן. און אויפוועקן אים איז ניט געווען כדאי. ער איז געגאַנגען צו זיך אהיים, יוסף, אין זיין צימער, אין דעם אָרימסטן פּערטל פון שטאָט, אין געדיכטסטן יידישן פּערטל. מען האָט אים שוין דאָרטן געקענט, דעם פרעמדן. ער האָט גענומען און געגיבן גוט־מאָרגן, אויף מאמע־לשון, האַרציק, פּארגינעריש. על פּי רוב זענען עס געווען מיידלעך, אָבער אויך עלטערע מענער און פרויען. עס האָט יוסף׳ן געשמעקט זייער זינגעוודיקע אויסשפּראַך, עפּעס האָט עס געהאט דעם ריח פון וואַרימען ברויט אַמאָל אין דער קינדהייט, אין היימישן שטעטל. ער האָט זיי ליב געהאט, יוסף, די קינדער פון דעם פּערטל, וועמעס טאַטעס ליגן ערגעץ דאָרטן אין די שוצנראָבנס, אָדער אין די ברודער־קברים. ער האָט באוווּנדערט די העלדישקייט מיט וועלכער די קינדער טראָגן איבער די נויט, אלערליי מאַנגל, ווייל זיי האָבן עס געטראָגן מיט א

מין קאָלעקטיוון באַוווסטזיין, אַז ס'איז מלחמה, אַז מען מוז... בשעת דאָרטן, אין שטאָט, אין די רײַכע פּערטלען...

עס איז געווען דאָרטן אויף איינעם פון די ראָגן, ביים איבערקרייץ פון דער גאַס וואָס האָט געפירט צו זײַן וווינונג, אַ מין לאָקאַל, וואָס האָט געהייסן „קאַפע־הויז". יוסף פלעג אַמאָל אַהין אַריינגיין אָפּזיצן אַ שעה, אויסטרינקען אַ קליינע קאַפע, אַ ביטערע ווי גאַל. אַמאָל אַ „ווײַסן טיי", ווי ער האָט עס גערופן אין שפּאַס, דאָס הייסט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געזאָלט זײַן טיי מיט מילך, און איז נישט געווען נישט דאָס און נישט יענץ, דערפאַר אָבער הייס זודיק, און אַ שטיק שוואַרץ ברויט דערצו.

עס איז אים געווען ליב, יוסף'ן, צו זיצן דאָ אין דער חברותא פון זקנים עובר־בטלם און פון יונגלעך אין שול־עלטער, נאָך קינדער, וואָס די אומשטענדן האָבן געמאַכט שוין פאַר גרויסע, זיי געטריבן אויף דער גאַס פאַרדינען. עס איז געווען עפּעס אַמוזירנדיקס און כּיף ביי דער נשמה רירנדיקס אין דער קאַמעראַדערישער געזעלשאַפט צווישן זקנים עובר־בטלם און 14 — 12 יעריקע יונגלעך, ווי זיי האָבן ביי איין טיש געטרונקען אַ שוואַרצע קאַפע און געשמועסט מעשה גלײַכע.

ער האָט ליב געהאַט, יוסף, צו זיצן און זיך צוקוקן צו די קינדער. ער האָט געפילט, אַז כאָטש פון כמעט גלײַכן עלטער און אַלצאיינע אומשטענדן, איז דאָך יעדער קינד פאַר זיך אַ וועלט, און דאָס האָט אים פאַרנומען מערער ווי אַלדינגס. און דאָס האָט אים אָפּגעטיילט פונם שרייבער, וועלכער פלעג אויך קומען אַמאָל אַהערצו, צו־

געצויגן פון דעם „דעקאָראַציון און פּאַטעטישן פונם אַנסאַמבל. צו יוסף׳ן האָט געדעדט יעדער באַזונדער פּנים... „יעדער פּנים א וועלט, פלעג ער צו זיך זאָגן, יעדער פּלייצע, יעדער אַקסל איז א וועלט". און ער האָט עס געפילט.

אויך איצט האָט ער אַהינצו פאַרקערעוועט. שוין געטראָפן „געזעלשאפט".

ער האָט געדענקט, אז ער פאַרמאָגט איבערגאַר אויף א שווארצער קאַווע. זי באַשטעלט, פאַרזוכט דאָס ביסל ביטערניש און זיך דערפרייט. זיך א זאָג געטון: „איצט בין איך אויך א יונגל ווי איינער פון זיי"... דערזען די פּאָר זקנים און אָפּגעשפּעט פון זיך: „און אפשר א זקן?..."

ער האָט געזופּט פּאַמעלעכן די פליסיקייט, געפאָרשט מיט די אויגן יעדן באַזונדער, יעדנס פּנים שטריך, יעדנס זשעסט און מינע. גלייך ער וואָלט מיטן בליק ארויסגע־צויגן דעם תמצית פון יעדנס דענקען און פילן. גלייך ער וואָלט געוואָראָזשעט אזוי ארום זייער צוקונפט. ער איז געזעסן לאַנג, זער לאַנג, אָנגעשפּאַרט אין טיש... די שעהן זײַנען געגאַנגען, זיך געלעגט אין אים.

אויף א מינוט האָט אים א געזיכט באַזונדער צוגע־צויגן. א יונגל, אַ היבשס. דאָס יונגל דרייט זיך אוועק, ווייזט אויס, וויל זיך ניט באַגעגענען מיט זיין בליק. וואָס זאָל דאָס זײַן? געוואָלט בעסער תופס זיין, נאָר דאָס יונגל איז שוין געזעסן צו אים מיט דער פּלייצע. ער האָט א שמייכל געטון: „מ׳שטיינס געזאָגט, פאַר וועמען מען באַהאלט זיך דאָס פּנים". זיך אויפגעהויבן אוועקצוגיין, איז דאָס יונגל אליין שנעל צוגעקומען צו׳ן אים, געזאָגט

„גוט־מאָרגן״, אים אָנגענומען ביי דער האנט און ארויס־געפירט. דרויסן געבעטן:

— הער יאָזעף, איך בעט אייך, זאָגט נישט אויס אין דר׳היים.

יוסף האָט געקוקט אויף אים און זיך געוואָלט דער־מאָנען ווער דאָס איז. ניט געקענט. דאָס יונגל האָט א שמייכל געטון, איז צוריק אריין. ערשט אין צימער ביי זיך האָט זיך יוסף דערמאנט:

— עס איז דאָך מאָריץ... דער עלטסטער נאָך ריטאַן. ווי קומט ער אַהער?

אים פארלוירן פונם געדאנק. אינם צימער איז קאלט. קאלט. א טאפ געטון דאָס אײַזן פונם בעטל, עס האָט געקילט די דאלאָניע. ארומגעקוקט זיך און א שמייכל געטון: „ניט געשען קיין נס. ניט געוואָרן קיין פּאַלאַץ פאר די פּאָר טעג״. ער האָט געעפנט דאָס טירל פון דעם הויוואלע און באמערקט מיט חידוש: „מ׳האָט געהייצט נעכטן״. ער האָט פארשטאנען, דאָס האָט די באלעבאָסטע מסתם זיך גערעכט אז ער וועט קומען. ווו אָבער האָט זי גענומען האלץ?

ער האָט זיך אומגעדרייט איבערן צימער אזוי ווי ער איז געווען, אין זײַן הארבסטיקן אולסטער, די הענט אין די ארבל און געלאָזט די געדאנקען גייען ווו ס׳וועט זיי פּאַרטראָגן, נישט געמאַכט קיין שום אָנשטרענגונג, און עס האָט אים פּאַרטראָגן אין זיין קינדהייט. אפשר איז עס געווען א רעפלעקס אונטערן רושם פון דעם בילד אין קאפע־הויז. דער טאטע. די מאמע. ווינטער. שכנים. קרובים. מען דערציילט זיך מעשיות. דער טאטע קוועלט

אָן פון די מעשיות וועגן ר׳ זוסיאלען, זיין באליבטער צדיק. דער אָרימסטער צדיק...

... איז ר׳ זוסיאלע ארומגעגאן איבער דער שטוב און געטענהט: גאָטעניו, זוסיאלע איז הונגעריק!.. גאָטעניו, זוסיאלען איז קאלט!..״

... ״די עובדא ר׳ זוסיאלעס איז געווען צו הייצן אין הרובע ביים מגיד... הייצט ער אַמאָל די הרובע און דער מגיד פרעגט אים: וואָס זאָגט זוסיאלע? זאָגט ר׳ זוסיאלע: ואם יסתר איש במסתרים ואני, און זאָגט, איך בין עס, לא אראנו נאום ד׳...״

ער האָט זיך דערווארעמט גייענדיק, אָנגעהויבן אריינטראַכטן, אָפּפרעגן.

... וואָס איז זי געווען, אָט די הנאה פון די מעשיות וועגן ר׳ זוסיאלען? וועגן די אנדערע? מיט וואָס פאַר א כוח האָבן זיי דערווארעמט די הערצער, דערהאלטן די נשמה, אינמיטן אזויפיל דחקות און אזויפיל יסורים?

... און איז גאָרנישט געבליבן נישט פאַר אונדז און נישט פאַר די קומענדיקע? זענען אונדזערע טאטעס פאַר־משפט אָפּצושטארבן, טאקע לחלוטין, זיי מיט זייערע יסורים און מיט זייער הנאה, משטיינס געזאָגט, זייער עולם־הזה!..

... וועלן מיר הייסט עס אָנהייבן אזוי, גלייך גאָר־נישט געווען ביז אונדז, פאַר אונדז? מיר זענען אונטער־פלויטן געבוירן געוואָרן?

— לא אראנו... זאָגט גאָט! וואָס פאַר גאָט? — — —

... ״שוטה!...״ ״שוטה!...״ האָט ער צו זיך געשריגן אין געדאנק: ״שוטה!... לא אראנו, נאום ד׳... גאָט זאָגט, איך וועל אים ניט זען, גאָט זאָגט... גאָט, דער גאָט פון די

אָרימע און באדערפטיקע, דער גאָט פון זוסיאלען, וואָס הונגערט! דער גאָט פון מיין טאטן, מיין אָרימען טאטן...״

זיך אָנגעכאפט פאַרן האַרץ... שווער געאָטעמט...

...אָבער וואָס פלוצים? אז!.. פרוי קראָכמאל פאַרטאָג איבערן תהלים...

ער האָט אַזש אָנגעהויבן ציטערן, זיך דערפילט שוואַך, אוועקגעזעצט אין בעטל, שטיל מיט די ליפן געשעפטשעט: טאטע... טאטע... פאַרמאַכט די אויגן, זיך אָנגעשפאַרט אין דער וואנט... דאָס הארץ האָט געצויגן מיט נאָגנדיקער בענקשאפט: טאטע... טאטע... טאטע, כ׳אטע... איך בין אויך א טאטע...

עס האָט זיך אים דער קאָפּ פארדרייט, געבליבן אין חלשות.

די באלעבאָסטע האָט אים אָפּגעמונטערט. זי איז צופעליק אריינגעקומען און אים דערזען אין חלשות. זי האָט אים אויפגעריסן. ער האָט זיך פאַמעלעכן וופּאָמיען־טעט, געקומען צו זיך, איר געזאָגט, אז ס׳האָט זיך איר מסתם אויסגעוויזן. זי האָט אים נישט געגלויבט. זי האָט באלד געבראַכט א גלאָז הייסע מילך, געבראַכט האלץ צום הייצן און זיך דערמאָנט:

— הער יאָזעף, פאַראַן א פעקל פאַר אייך... איך ברענג עס שוין.

געבראַכט דאָס פעקל. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שטוינען:

— עס איז דאָך א פאַק, ניט קיין פעקל!...

און דערנאָך:

— פון וועמען?

— איך ווייס ניט. איך בין געקומען נעכטן פון שטאָט, האָט דאָס קינד מיר געזאָגט, אז ס'איז געווען דאָ א דאמע און האָט געפרעגט אויף אייך. און געלאָזט דאָס פעקל.

יוסף האָט געהויבן מיט די אַקסל. נייגיריק געעפנט דעם פּאַקעט. א ריינע וואָל־קאָלדרע. צווי נייע ליילעכער. דריי פּאָרלעך וועש. שקארפעטן.

יוסף האָט געקוקט אויף דער באַלעבאָסטע, אויפן פעקל, האָט נישט אָנגעהויבן פארשטיין, וואָס דאָס איז. אויסגעפרעגט דאָס קינד, ניט געקומען צו קיין טאָלק.

די באַלעבאָסטע האָט ווייטער געזאָגט:

— זי האָט געלאָזט פאַר מיר הונדערט גילדן איך זאָל הייצן און קאָכן... נעכטן האָב איך געהייצט, געמיינט איר וועט קומען... היינט... א באלד הייץ איך...

אָבער יוסף האָט זי שוין ניט געהערט. ער איז געווען אינגאנצן אָפּגעשוואַכט. ער האָט זיך געגומען אויסטון. זיך איינגעדעקט מיט דער נייער קאָלדרע. זיך אינגאנצן פארדעקט. אין געדאנק האָט געצאנקט די פּאָרזעצונג:

... איז ר' זוסיאלע ארויסגעלאָפן אין שטאָט, געלאָפן אין בית־מדרש אריין און אויפן וועג צו זיך געטענהט: זוסיאלע איז הונגעריק... קומט אקעגן א דייטש פון אונ־זערע דייטשן, קוקט זיך ניט אום אויף זוסיאלען, גייט גלייך, שטויסט אים אָן און זוסיאלע פאלט. ווערט א געוואלד... סטייטש, ר' זוסיאלע!... הערט דער דייטש ווער דאָס איז, הויבט ער אים אויף און פירט אים אַהיים, און גיט אים הונדערט גילדן...

ער האָט זיך צוזאמענגעדרייט אין א קנויל, געוואָלט פאַרנומען וואָס ווייניקער אָרט, זיך פאַרגעסן, געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, געהזרט דאָס וואָרט „שלום", זיך געוואָלט סוגעסטיאָנירן מיט דעם וואָרט, זיך איבערטראָגן אין אַ נחת־אַטמאָספער, אַן אַטמאָספער פון געזונט, פון פרייד, פון געלעכטער. עס איז אים אין א געוויסער מאָס געלונגען, ער האָט זיך אפילו צעלאַכט, די באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהייצט דאָס הויוואַלע האָט געמיינט, אז ער לאַכט פון איר און געפרעגט:

— פון מיר לאַכט איר, הער יאָזעף?

ער אָבער האָט א זאָג געטון:

— אז איר ווילט, נעמט איך בעט אייך מיין אול־סטער, און לעגט אויף מיר ארויף.

זי האָט עס געטון און דערביי געפרעגט:

— איר ווייסט שוין ווער די דאַמע איז?

און אז ער האָט איר געזאָגט:

— ס'איז נישט געווען קיין דאַמע... ס'איז געווען א דייטש פון אונדזערע דייטשן...

האָט די יידענע אויף אים אויסגעגלאָצט די אויגן און ארויסגעגאַן.

כאַסידיזמוס און אַ פּשוטע טיר

א טאָג, צוויי, דריי טעג פון איין סעריע. נאָך דער צער פון יענע וועמען דאָס לעבן האָט אויסדערוויילט צו אָפּקומעניש, דער צער וואַקסט.

ריטא האָט זיך אָנגעטון און אוועק „שפּאַצירן". זי האָט דורכגעמאַכט דעמזעלבן וועג, וואָס צוריק מיט א וואָך אין דעמזעלבן טאָג. אלצדינג האָט כמעט פּאַסירט אזוי ווי פאַראַכטאָגן. זי האָט א מאַך געטון מיט דער האַנט דערויף:

— צוליב דעם בין איך עס היינט ארויסגעגאַנגען? ניין, ניט צוליב דעם!... אָבער — יוסף... פאַרוואָס זעט מען אים נישט? פאַרוואָס איז ער אוועק אָן אַ זיי־געזונט?

פרוי קראָכמאַל האָט די לעצטע טעג עטלעכע מאָל דערמאָנט זיין נאָמען, עפּעס אזוי גלאַט אין דער וועלט אריין, און גלאַט אזוי אריינגעוואָרפן, אז ער איז „אָנגע־גריפן". און דער שרייבער וועלכער איז איינמאָל געוועזן דערביי, האָט באַדויערט: „נעבעך"... אויך מאַריאַנא. יאָ, אויך זי האָט איינגערוימט ריטאַן:

— „יאָזעף איז קראַנק, ער דאַרף נישט שלאָפן מיט קיין פרוי".

ריטאַ האָט זיך אָנגעצונדן... איר מאַמעס רחמנות, דעם שרייבערס „נעבעך", מאַריאַנעס סוד, דאָס אַלץ האָט זיך פאַרפלאָנטעט אין איין קנויל, און פון איין קוואַליטעט — זי האָט אָנגעהויבן נעמען שטעלונג צו דער וועלט, ריטאַ, אָנגעהויבן משפטן.

דער פראָסט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער. מען האָט געקענט האָבן דאָס געפיל, אַז ערגעץ אין אַ פאַרהוילענעם װערקשטאַט ציט מען אָן אַ שרויף, אַלץ ענגער און פעסטער. מיט אָנגעשטרענגטע מוסקלען מאַכט ער עס, דער מײַסטער, כדי ביז נאַכט צו פאַרענדיקן. און ווען דער אָוונט וועט זײַן אינגאַנצן פאַרווישט און די אַרבעט פאַרטיק, זאָל זי קענען אוועקפּאָרן, די קאַרעטע פון דער וועלט.

אָוונט. איז דען ווער אימשטאַנד צו פאַרגוטיקן די יסורים פון דערוואַרטונג, פון רימאַן, פון אַלע ריטאַס?

ער איז אָנגעקומען, יוסף. צו ריטאַס גליק איז ניט געווען קיין ברעג. אַ געפיל פון גדלות, וואָס ס'איז שווער צו דערקלערן, אַ גדלות וואָס מאַכט קיינעם ניט ליידן, נאָר דערהויבט די נשמה, האָט זי אָנגעפולט. זי האָט ליכטיק געמאַכט אין אַלע צימערן, געהייסן זייער שטובשיקסע זי זאָל אויפלעגן האַלץ אומעדום, וואָס מער האַלץ. עס איז געוואָרן יום־טוב אין שטוב.

וואָלט דאָך געווען גוט... האָט עס אָנגעטראָגן אַ פּאָר חברטעס ריטאַס. מאַריאַנען, דעם שרייבער. דער לעצטער איז געווען אין דער אַרבעט ביים ניט־גוטן: מיט חניפה און שנאה האָט ער אים צוגעבויגן צו זיך, חניפה צונ'אים און מיט אָנרייצן צו שנאה צו אַנדערע. אָ, ער ווייסט שוין, דער ניט־גוטער, מיט וואָס צו פּאַקן!

איז צום אָנהייב אַלצדינג געווען אין דער אָרדענונג. יוסף איז געזעסן לעבן קאַמין, אין דעם ווייכן בעקוועמען פאָטעל־שטול, אין וועלכן ריטאַ האָט אים באַזעצט. די חברטעס ביים טיש, אַז ס'איז אָנגעקומען מאַריאַנע, איז זי געבליבן שטיין, זיך ארומגעקוקט און אַ פרעג געטון, צי ס'איז יום־טוב...

— כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז דער יום־טוב פון די ליכטלעך.

די יידישע מיידלעך האָבן אַזש אַ פּליעסק געטון:

— חנוכה!.. זי מיינט חנוכה!..

אויך יוסף האָט געשמייכלט. ס'האָט אים הנאה געטון, וואָס אין דעם פאַרוואָרפענעם ישוב ווייסט אַ מאַריאַנע פון אַ יידישן יום־טוב פון די ליכטלעך. ער האָט זיך דער־מאָנט זיין טאַטנס באַליבטע מימרא: „אַלצדינג דאַרף געמאַכט ווערן בצינעא, חוץ חנוכה"... און כאָטש דער אומאויפהערלעכער שמועס מיט זיך אַליין האָט זיך ביי אים ניט איבערגעריסן, נאָר פאַרגעקומען ווייטער אין די טיפענישן פונם געהירן, פון דער נשמה, איז אים אָבער אין די דרויסנדיקע שיכטן געווען רויקער, אָנגענעם.

אַפילו נישט פרוי קראָכמאַל האָט ניט צעשטערט די שטימונג.

איז אָנגעקומען דער שרייבער.

אַלע, חוץ ריטאַן, האָבן זיך מיט אים דערפרייט. מער פון אַלע — יוסף. ריטאַן אָבער איז די יום־טוב שטימונג באַלד פאַרשוווּנדן. ווי דאָס האַרץ האָט איר געזאָגט, אַז ס'איז אָנגעפאַלן אַ צעשטערער.

און גיי ווייס, פון וואַנעט דער שטורעם וועט קומען! דאַכט זיך, אַלץ אין דער בעסטער אָרדענונג. יוסף איז

ווײַטער געזעסן אויף זײַן אָרט, אין בעקוועמען שטול ביים קאמין, די דריי פרעמדע פרויען און דער שרײַבער בײַם טיש. ריטא איז געזעסן אזוי, אז זי איז אויסגעקומען נאָענט צו יוסף׳ן. און עס איז אוועק א גאנץ געמיטלעכער געשפרעך, פון וועלכן יוסף און ריטא זענען אויטאָמאטיש אויסגעשלאָסן געוואָרן. און ס׳האָט זיי ביידע ניט געאַרט. פארגלוסט זיך פלוצים מאַריאנען צו נעמען זיך קלאָגן, אז זי האָט ניט וואָס צו לייענען, און ווענדעט זיך צו יוסף׳ן, אפשר קען ער איר דערינען העלפן...

דער שטן האָט געכראָגן אַ געלעגנהייט צו העצן דעם שרייבער קעגן יוסף׳ן...

אָנגעשפאַרט מיטן קאָפּ אָן װענטל פונם קאמין און מיט פאַרמאַכטע אויגן, איז יוסף געבליבן ווי געזעסן־געשוויגן.

דער שרייבער האָט געענטפערט. ווידער מיט דער זעלבער „חכמה״, וואָס צוריק מיט עטלעכע טעג:

— יוסף האָט א דײַטשע ביבל אַזאַ... און א מדרש־פּנחס אַזאַ...

די זעלבע פראַזע וואָס אנומעלטן, וואָרט ביי וואָרט.

יוסף האָט זיך נאָך מער פאַרשלאָסן אין געדאַנק, נאָך מער איזאָלירט, געפירט זײַן געשפרעך מיט זיך, א געשפרעך וואָס האָט באַקומען א באזונדער שאַרפקייט פון זינט די מלחמה האָט אויסגעבראָכן. ער האָט דאָך געהערט דעם שרייבערס דיוואַגאַציעס, אָבער נאָר דרויסנדיק.

מאַריאנע האָט זיך געחידושט:

— וואָס לייענט ער, יוסף אזוי פיל די ביבל, דערצו נאָך דאָס נייע טעסטאַמענט, נישט וואָר?

דער שרייבער האָט געענטפערט:

— ער מאכט א נײַע עוואַנגעליע... עוואנגעליע פון יוסף...

און געקוקט מיט חוזק אויף ריטאַן.

מאַריאַנע האָט אָבער אויך געוואָלט וויסן, וואָס איז מיט דעם אנדערן ביכל, מיט יענעם, ווי הייסט עס, פינקאס?..

איז דער שרײַבער אוועקגעשווימען אין א לאַנגער ריידע, און דער שטן האָט אים אָלץ נעהעצט קעגן יוסף׳ן:

„זע, ווי ער וויל דיך ניט הערן... זע, ווי ער האָט זיך צעלעגט און שלאָפט כלומרשט. דאָס איז ער דיך מבטל!"

אזוי לאַנג ביז דער שרייבער האָט אויסגעשאָסן:

— ווי צעלעגט זיך עס א מענטש אין געזעלשאפט, אזוי ווי ביים טאטן אין ווײַנגאָרטן?

יוסף האָט געעפנט די אויגן, א קוק געטון אויף אים מיט פארווונדערונג און שרעק, דערזען באלד, אז יענער איז ביים ניט־גוטן אין דער ארבעט, און געענטפערט:

— מײַן פרײַנט, איר האָט גערעדט פון „כאַני־דיזמוס".

דער שרייבער איז געוואָרן רויט־קראַמאזין, אָבער דער שטן האָט געשטופט ווײַטער:

— דעריבער דאַרפט איר אייך צעלעגן ווי ביי אייער טאטן אין ווײַנגאָרטן?!

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט גרויס רשעות.

ס׳האָט געמאכט אויף אלעמען א פײַנלעכן אײַנדרוק.

און יוסף, ער איז אויפגעשפרונגען גלייך א שלאַנג האָט אים א ביס געטון. ער האָט געקוקט שאַרף אויפן שרייבער

און זײַן פּנים איז געװען באַצערט, — אַ ירמיהושער צער איז געװען אױף זײַן פּנים.

ער האָט אַ זאָג געטון:

— אומגליקלעכער... װעמענס קנעכט זענט איר עס געװען?

און אַרױסגעגאַן.

די פּראָזע איז געפֿאַלן שאַרף, װי אַ נבֿיאיש װאָרט. אַלע האָבן דערפֿילט, אַז עס ליגט אין איר פֿיל מער זין אײדער דער פּשט פֿון די װערטער. מען האָט נישט געדאַרפֿט זײַן אַפֿילו באַזונדערס ראַפֿינירט, אױף צו דערפֿילן, אַז יוסף האָט נישט געאַהט בדעה סתּם װי צו טון דעם שרײַבער. װי יעדער אמתע נבֿואה האָט עס דעם זאָגער פֿיל מער װי געטון װי דעם הערער. און ער איז דאָך נישט געװען קײן מוסר־זאָגער, יוסף. פֿאַרקערט!.. און זײַן ליבשאַפֿט צום שרײַבער איז נעװען אַלעמען גוט באַקאַנט.

אַ מינוט אפֿשר איז דער שרײַבער געזעסן צעטומלט, נאָר באַלד זיך דערװעקט אין צאָרן און מיט געבײַלטע פֿױסטן זיך געלאָזט נאָך יוסף׳ן.

צום גליק האָט אים מאַריאַנע פֿאַרהאַלטן, ריטאַ איז אױסגעװאַקסן פֿאַר אים.

ער איז געשטאַנען און געדראָעט מיטן פֿינגער פֿאַרן סאַמע פּנים ריטאַס, װי אָט־אָט און ער פֿאַרפֿאָרט איר אין די צײן אַרײַן; דיריזשירט אַזױ מיטן פֿינגער צום טאַקט פֿון זײַן װיאָלענטער דעקלאַמאַציע:

— איך װעל אים אױסלערנען דרך־ארץ, דעם גאָטס גנבֿ, איך װעל אים דעמאַסקירן דעם צדיק אין

פעלץ, איך וועל אים ווײַזן דעם מאַניאַק, דעם איג־נאָראַנט! — — —

ריטא האָט שטיל נאָר עקשנותדיק געפרעגט:

— איגנאָראַנט?

ער האָט געענטפערט מיט גראָבקייט:

— וואָס דען איז ער? א פילאָזאָף? סיידן פאַר די קעכניס!

ריטא האָט געשוויגן, עפעס האָט זי געוואָלט ענט־פערן, נאָר ניט געענטפערט, און זער גלײַך געטון: מען דאַרף ניט אונטערהעלפן דעם טייפל,

אויך דער שרײַבער האָט שוין געהאלטן דערבײַ, ער זאָל אויפדעקן, אז ער האָט אים באזאָרגט מיט א קאָלדרע, מיט געלט...

עס האָט געהאלטן דערביי, אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט זײַן גוטער מלאך, דער מלאך פון די ריינע אינספּיראַציע־קוואלן, אָט דער וווּנדערלעכער זכות־אבות איז אים בײַגעשטאַנען און באפוילן: ניין!

און געפועלט.

אין דער צייט איז יוסף געגאנגען צו זיך אַהיים, צו זײַן „תפיסה", ווי דער שרייבער האָט אַמאָל אָנגערופן דאָס אָרימע צימער. ער איז אָנגעקומען ביז צום קאפע־הויז, זיך אָפּגעשטעלט, געטון א קוק אַרײַן דורך די פענצטער. עטלעכע דערוואַקסענע יונגלעך זענען געזעסן, געטרונקען קאפע, געריכערט, געלייענט צייטונגען, ער האָט א זאָג געטון אין געדאנק: „מלחמה... צייטונגען... ציוויליזאציע..." די ווונד וואָס האָט קיינמאָל ניט אויפ־

געהערט צו נאָגן, האָט זיך היינט, צוליב דעם אינצידענט מיטן שרייבער, צעיאָטערט, באזונדערס ווי געטון, און ער האָט צוגעגיבן, נישט אָן קאמף מיט זיך: „און פּאָעטן"...

און זיך באלד געכאפּט:

— ניין, ניין, גאָט, דערפיר מיך נישט דערצו. נאָר נישט צו לעסטערונג.

געלאָזט זיך גיין ווייטער און געבליבן שטיין פּלוצים, גענומען טענהן:

— ווידער גאָט? וואָס פאַר גאָט?.

געקוקט אין חשכות און געקלערט:

— דער זיידע האָט געלערנט, אז גאָט איז די וועלט און די וועלט איז גאָט. דאָס גוטע און דאָס שלעכטע, די אמונה און די כפירה, אלץ גאָט. נאָר וואָס דען? אין אונס. דער גוטער ווײלט אויס דאָס גוטע און דער שלעכטער דאָס שלעכטע. אָבער פאַר וואָס גוטער און שלעכטער? ווי אזוי קומט עס גוטער און שלעכטער? קשה, זיידע, קשה. און נאָך האָט ער געלערנט, אז אמונה און כפירה זענען מדריגות פונם שכל, השגה און נישט מער. וויל איז דעם וואָס איז משיג, אָבער פאַר גאָט, פאַר דער וועלט איז דער עיקר — מידות. פּשוט און גוט, זיידע. . אָבער וואָס טוט מען מיטן טעמפּל, מיטן קלויסטער? זיי האָבן אלדאָס בייז געבראַכט!.. דו זאָגסט, אז גאָט דאַרף זיי נישט... מסכים, זיידע, אָבער נבואה? וואָס טוסטו מיט נבואה? ווי אזוי קומט נבואה צו רשעות? און זע, די נביאים, זיי דינען צו דער עבודה זרה, זיי זינגען דאָך א לויב צו מלחמה! און אויב דער יידישער פּאָעט טוט עס ניט היינט, ווער קען זאָגן די אמתע סיבה דערפון? און ווער

ווייסט, צי ער וועט עס ניט טון מאָרגן אויף אן אנדערן אופן? רשעות איז דאָך פאַראַן, און קנעכטשאפט איז פאַראן... נו, זיידע.. און דו, טאטע, שטילע טויב, וואָס האָסט נאָר געלערנט צוויי לאַוין: אל תפרוש מן הציבור און אל תדין, ניט משפטן, איינמאָל פאַר אַלעמאָל — נישט משפטן!.. ווי אזוי זשע וועט עס בלײַבן?"

ער האָט זיך ארומגעקוקט: ער איז געשטאנען אין מיטן גאַס ווי אין א מדבר. ערשט איצט אָנגעהויבן פילן די שטארקע קעלט, ער האָט געציטערט, זיך געלאָזט אַהיים, פאַר דער טיר געבליבן שטיין, זיך דערמאנט: די פאלשע נביאים!

— זיי זענען פון שטענדיק אָן געווען די פאלשע נביאים!.. אָבער איז דען זייער נבואה קיין נבואה ניט געווען? און אין וואָס דערקענען דעם חילוק? ירמיהו האָט געזאָגט: אין דעם וואָס זיי זאָגן „חלמתי"... עס איז א סימן, נאָר ניט קיין זיכערער, א זיכערן סימן דאַרף מען!. „היט אייך פון די פאלשע נביאים. זיי קומען פארשטעלט פאַר שאָף און אין זייער האַרץ זענען זיי פארצוקנדע וועלף!.." אָט דאָס איז דער סימן!. נאָר וואָס איז דער חילוק? היוצא מזה? גאָט איז אין תפיסה ביי די שטאַרקע, ביי די פלינקע. ביי די חנפים!.. אַך, ס'אַרא וווּנדערבאר וואָרט! חנפים! „כי מאת נביאי ירושלים יצאה חנופה לכל הארץ!" די היפאָקריטן! זיי זענען שרעקלעך! זיי זענען די פעסט, ווײַל זיי האָבן נביאים... ניט נאָר זיי ברענגען קאָרופציע, נאָר זיי נאַרן נאָך אָפּ, ווײַל זיי שרייען: „קאָרופציע!"

— — — — — — — — —

אָ, ער האָט זיי געקענט דער גאַלילעער. „החנפים!."

און „היט אייך פאַר די פאַלשע נביאים!" און „זיי פאַר־שטעלן זיך פאַר שאָף".

אָבער — ביז ווען? ביז ווען?

יוסף האָט געקוקט אין חשכות אריין און עס האָט אים א שפּאַלט געטון דעם מוח:

— פון אייביק ביז אייביק!.. זיי וועלן שטענדיק געוועלטיקן די חנפים... און זיי וועלן די נביאים זיך פאַר זייערע משרתים מאַכן. און וועמען זיי וועלן נישט קענען באַצווינגען, וועלן זיי רודפן, אומברענגען. פון אייביק ביז אייביק! נישטאָ קיין אויסלעזונג.

— — — — — — — —

אין צימער איז געווען קאַלט, כאָטש דאָס הויוואַלע האָט געבריט. ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַזוי, אין דער פינצטער, אין בעטל. נישט געטענהט מער. נאָר געפילט, ווי סע נאַגט די אַלטע ווונד, וואָס פאַרצערט אים, די טיפע חרפה פאַר זיך אַליין:

נאָך וואָס אנטלאָפן? ווי אַזוי עס געטון?.. פאַרוואָס גישט געגאַנגען אַהין וווּ אַלע און דאָרטן נישט געלערנט: ברודער, מען נאַרט אונדז. ברודער מען מאַכט חוזק פון אונדז, ברודער, נישטאָ קיין אַנדערער שונא ווי דער, וואָס לערנט אונדז פיינט האָבן דעם שכן. ניטאָ קיין ערגערער שונא ווי דער וואָס לערנט אונדז, אַז דער שכן האָט אונדז פיינט... פאַרוואָס האָב איך עס ניט געטון? וואָס זוך איך דאָ?.. און אַז עס וועט קומען דער טאָג פון אויפריכטונג, פון מאָנען חשבון, וווּ וועל איך זיין דעמאָלט? ווי אַזוי וועל איך מיין חשבון מאָנען?.. ווי אַזוי וועל איך צום יום־טוב קומען?

פאַרבראָכן די הענט און געפסקנט:

— שטאַרבן.

זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. עפּעס געוואָלט זיך אַ קלאָג טון פּאָר עמיצן. נישטאָ קיין כוח. אויסגעליידיקט אינעווייניק. אינגאַנצן פּוסטע. ער הערט: די באַלעבאָסטע עפנט די טיר, פרעגט:

— הער יאָזעף?

זי גייט אריין, מאַכט ליכטיק. זאָגט:

— הער יאָזעף, איר וועט עפּעס עסן? כ'האָב אָנ־געגרייט.

הינטער איר אַ קינד, אַ מיידאלע. יוסף קוקט. עפּעס קענטלעך דאָס קינד... א... ס'איז איר מיידאלע, דער באַלעבאָסטעס בת־יחידה, דער מוטערס הילף און טרייסט. דער פאָטער איז אין קריג געפאַלן. א קינד פון צען יאָר. וויפל איז זי אלט געווען ווען דער פאָטער איז אוועק? פערצן, פופצן, זעכצן... זיבן יאָר... מיידאלע, קום אַהער.

דאָס קינד שעמט זיך נישט. זי איז א גרויסע. אלע קינדער זענען געוואָרן גרויסע אין מלחמה־צייט.

— זיץ לעבן מיר.

דאָס קינד זעצט זיך מיט צוטרוי, מיט זיכערקייט.

— קענסט עפּעס לערנען?

דאָס מיידאלע שמייכלט. זי וואָלט גערן געלאַכט, נאָר זי וואַגט נישט.

יוסף באמערקט עס, הייבט אָן קומען צו זיך. עס ווערט אים אלץ אויסגעקלערטער. איז ער אפשר צוליב אָט דעם קינד אַהער געקומען? ער שמייכלט צום מיידאלע. די קוואלן האָבן זיך געעפנט. זיי שלאָגן אלץ לויטערער און לויטערער. זיין אומגעהייערע ליבשאַפט צו קינדער, וואָס ער האָט איינגעצוימט אין שוויַיגן, ווי זיך אינגאַנצן,

ווי אלע זיינע ליידן, די ליבשאפט האָט א שפּאַר געטון, איבערגעריסן די צוימען.

זיך דערמאנט אין זיין קינד, דאָס האַרץ האָט גענומען גיין. ער האָט געהאלטן דאָס קינדביים קעפּאלע און געוויינט, און געוויינט — — —

דאָס קינד האָט אים אַ גלעט געטון, אַ קוש געטון, אליין נישט געוויינט, כאָטש א קינד, נאָר ווי א גרויסע געפּרוווט אים באַרויקן:

— הער יאָזעף, וויינט נישט... גאָט וועט העלפן...

ער האָט דערהערט און געבליבן שטיל, אָנגעקוקט דאָס מיידאלע... גאָט?... געגלעט דאָס קעפּאלע מיט ליבשאַפט... געפרעגט:

— גלייבסט אין גאָט?

דאָס מיידאלע האָט געענטפערט איינפאַך:

— אוודאי גלייב איך... אין וואָס דען זאָל איך גלייבן?

עס האָט זיך אים איינגאנצן אויסגעלייטערט. אלדאָסביין איז אַוועק ווי דורך א כּישוף און מכשף איז געווען דאָס קינד. דער שרייבער, דער קאָנפליקט פון היינט אויפדערנאַכט — צערינען געוואָרן, נאָך מער: אַ ריינע בענקשאַפט איז אָנגעשווימען. ער וואָלט איצט געוואלט האָבן לעבן זיך דעם לעסטערער, זאָל ער זיצן דאָ מיט אים לעבן קינד, אָפּוואשן פון זיך דעם שלעכטן אָנגעטראָגענעם זשאווער. ריינע כוואַליעס האָבן זיך געצויגן פון זיין געדאַנק פון זיין נשמה, געטראָגן גרוסן צום שרייבער, צו אלע, צו אלעי געטראכט:

— דער שטן האָט באקומען שליטה איבער דער וועלט. אלע פענצטער פון אלע קוואלן פון שלעכטס זענען

אָפּן. און אלצדינג ווערט אָנגעשטעקט, אַלצדינג! אט דאָס איז דער כוח פון דעם שלעכטס. מען ווייסט אפילו נישט ווו ארומעט, און דאָס דרינגט אריין, פאַרסם׳ט דאָס שענצטע און דאָס בעסטע. אנדערש, וואָלט קיין מלחמה נישט מעגליך געווען.

געגלעט דאָס קעפּאלע פונם מיידאלע, וואָס שוין דריי יאָר באלד האָט עס קיין טאטע־האנט נישט געפילט, גע־גלעט און געטראַכט:

— אָבער די קינדער... די קינדער זאָלן כאָטש ניצול ווערן.

א צווייפל האָט זיך באזעצט. און טרויער ווידער.

— הער יאָזעף, איר ווילט עסן דאָ? אדער פּילייכט עסט איר מיט אונדז, ביי אונדז איז ווארעמער.

די יידענע איז רויט געוואָרן. פאַר די אלע חדשים, וואָס יוסף וווינט דאָ, האָט זי מיט אים אזוי היימיש נאָך נישט גערעדט. ער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין זייער צימער. און איצט... ווארשײַנלעך, צוליב זײַן צערטלען דאָס קינד, וואָס איז אויך הײַנט געשען צום ערשטן מאָל.

יוסף האָט א שאָקל געטון מיטן קאָפּ. נישט יאָ, נישט ניין. ווי זי וויל.

זי האָט געעפנט די טיר פון יוסף׳ס צימער אין איר צימער.

— עס וועט זײַן איצט ווארעמער ביי אייך. ביי אונדז איז ווארעמער, ווייל עס איז לעבן דער קעך.

יוסף האָט צום ערשטן מאָל גענומען חשבון, אז ס׳איז

פאַראַן א טיר פון זײַן צימער אין איר צימער. ער האָט צו זיך א שמייכל געטון:

— וווינט א מענטש חדשים־לאנג אין א צימער און באמערקט נישט אַזאַ פשוטע זאַך ווי א טיר. און מענטשן קומען משפטן אנדערע מענטשן, מיט אזויפיל זעלבסט־זיכערקייט!... עפעס האָט דאָך א מענטש מער ווי איין טיר!... (נאַאיווער! ער האָט ניט געוווסט, אז דער גרעסטער רוב מענטשן פאַרמאָגט נישט קיין אנדערע „טירן", ווי יענע, וואָס באדינען זייערע פיזישע באדערפענישן אָדער פירן צו זייער קרעמל און קאַסע).

דערזען: דאָס צימער ווו זי וווינט מיטן קינד. א גרויס בעט, נאָך אַזאַ גרויס בעט ניט געזען. א גאַנצע משפחה קען דאָרטן שלאָפן. אָרים ביסל באלעבאטישקייט. מענטשן האָבן א נעסט געמאַכט. פשוט. צו וואָס צעבראָכן? פאַרוואָס? און דאָס קינד איז אָן א טאטן.

די פרוי האָט געגרייט אין איר צימער. יוסף'ן אויכעט. ביי איין טיש געגעסן. עפעס יום־טובדיק. אַזאַ פרייד אויפן קינד. און טיף, טיף אונטער דער פרייד ארבעט דער זכרון: טאטע. יוסף זעט עס... און דאָך א פרייד. ס'האָט ביי יוסף'ן א געדאנק א בליץ געטון: דאָס קינד וויל דער מוטער נחת פאַרשאַפן!

יוסף האָט דערציילט דעם קינד געשיכטן. דערציילט פון בעל־שם. געפעלן. געוואָלט עפעס אנדערש דערציילן. דאָס קינד וויל נישט, ניין, נאָך עפעס פון בעל־שם. ווידער דערציילט. דאָס קינד וויל שלאָפן און וויל הערן. זי דערציילט זיך איבער אליין. גוטע נאַכט.

— גוטע נאַכט.

יוסף איז ביי זיך אין צימער. ער שטייט ביים פענצטער, קוקט אין דעם אָרימען געסל. אָט דאָ קלאַפּט דאָך מענטשלעך האַרץ, די גאַנצע גאַמע פון גלוסטן, בענקען, ווערן, פון אויוון ביז אַראָפּ, פון אונטן ביז אַרויף. ווער וועט קומען און דערציילן? ווער וועט קומען און זיי אַליין דערציילן דעם שיינעם באַדייט פון זייער ווערן, פון זייער בענקען?

געטראַכט צום שרייבער...

— ער וואָלט געקענט... ער וואָלט געקענט. אָבער ער איז שוין צעבראָכן... און ער איז אַזוי יונג נאָך...

אַ שאַרפער ווייטיק האָט גענאָגט, אים געצויגן דעם שטערן צו דער וואַנט, צום ראַמל פונם פענצטער. מיטן גאַנצן קערפּער זיך אָנגעשפּאַרט און געבליבן אַזוי, לאַנג.

... גאָט... גאָט וואָס דו ביזט דאָ, ווייל איך בין דאָ. גאָט וואָס דו ביזט דאָ, ווייל דאָס שלעכטס איז דאָ.

... גאָט. . לעז אויס. לעז אויס. ווייל מען קען שוין נישט מער... דאָס גלייכסטע איז פאַרקרומט און דאָס שענסטע איז פאַראומווירדיקט.

גאָט.

זיך דערוועקט. אין צווייטן צימער איז אויסגעלאָשן דאָס ליכט. עס פאַלט שיין פון זיין צימער און פון אַ גאַז־לאַמטערן ביים פענצטער. ער זעט דאָס גרויסע בעט. דאָס קינד שלאָפט מיט דער מוטער. די טיר איז אָפן.

איינגעדרייט דאָס ליכט. מיט שטילע טריט איבער־געשפּאַנט די טיר. געבליבן שטיין. באַטראַכט, ביים שיין פונם גאַזן־לאַמטערן וואָס איז אַהער געפאַלן, דאָס קינד.

עס האָט זיך איינגעניורעט ביי דער וואַנט — א קנאַלעכל. די מוטער ליגט אין גרויסן בעט, די הענט אונטערן קאָפּ· א בלייכע יידישע מאמע. ער קוקט אויףביידע און דאָס האַרץ קוועלט פון רחמנות. זיך דערמאנט : „בצנעא מוז זיין יחוד... די קאץ אין שטוב טאָר ניט זיין"... א שמייכל געטון. צוריק געגאַן צו זיך אין צימער, זיך געלעגט אין בעט. געווען רויק. געטראַכט גרינג, גלויביק. געבענטשט אין געדאַנק ריטאן, געבענטשט מאַריאַנען, דעם שרייבער, זיך געצויגן צו אים מיט ליבשאפט, גערופן ברודער... עלנטער ברודער, רו צו דיין גייסט... רו .. אָנגעהויבן איינדרימלען. „גאָט באהיט מיין קינד... אלע קינדער... אלע קינדער זענען מיינע קינדער.. גאָט באהיט"...

די טיר איז געשטאַנען אָפן.

די ליבשאפט האָט זיי געהיט.

אַ בלעטל מאָטל אומרו

איז עס שוין נישט די העכסטע צייט, אַז מיר זאָלן זיך אומקערן צו אונדזער וויכטיקסטן מיטשולדיקן אין דער געשיכטע, צו מאָטל אומרו? מיר האָבן אים שוין צופיל פאַרנאַכלעסיקט אין משך פון דער דערציילונג און ער האָט עס ניט פאַרדינט. אָבער מאָטלען „מאָלן" הייסט וועלן פאַנגען דעם ווינט. איז מוז מען אים לאָזן אַזוי ווי ער איז, באַטור. זאָל ער זיך אליין מעלדן מיט זיינע בלעטלעך אַזוי, ווי זיי זענען פון זיין איינלנדיקן געדאַנק צו אונדז געקומען.

עס איז צו ווייניק פאַר אַ מיושבן מענטש. געוויס. און אַז מען נעמט נאָך אין אַכט די טיף פון ציַיט, אין וועלכער די בלעטלעך זענען אויסגעטראָגן — צוואַנציק יאָר! — איז עס שוין אוודאי נישט מער ווי אַ הויך. און דאָך, וואָס איז שייַך אונדז, האָבן די בלעטלעך אונדז דערלאַנגט איבער די סאַמע פילבאַרסטע פעדים, ביז צום דק מן הדק!

נאָר, שליסליך, זאָלן זיי קומען, די בלעטלעך, און זאָלן זיי טענהן פאַר זייער באַשעפער. מיר זענען דאָ — זייטיקע.

I. י ו ס ף

יוסף —

ניט דײַן שולד איז עס און איך ווייס ניט צי מײַנע יאָ, וואָס איך האָב דיך באַגעגנט אויף אַזוינע געשלאָ־גענע וועגן.

ניט דײַן שולד איז עס און ניט מײַנע. וואָס האָסט געטראָגן אַזאַ חוזקדיקן ביבלישן נאָמען.

צי האָט עס דיך געערגערט? צי האָסטו געוווסט פון דער עוולה, וואָס מ׳האָט דיר אָפּגעטון?

איך האָב דיך גערופן אין דער שטיל, איך שעם מיך עס צו זאָגן, איך האָב דיך גערופן דרײַ עקזאָטישע נעמען.

האָב איך געלערנט פון דיר אַ סך זאַכן און איינע די גרעסטע —

איך האָב פאַרשטאַנען פאַרוואָס פון סאָקראַטן זענען נישט געבליבן קיין ספרים

— און פאַרוואָס די שענסטע שורה אין חומש איז — ולא ידע איש את קברו

און פאַרוואָס ישו קומט אַרויס אַזוי קליין פון די עוואַנגעליען.

יוסף.

ניט דײַן שולד איז עס און איך ווייס ניט צי מײַנע יאָ, אויב איך קען ניט אויפברענגען דײַן גאַנצן פּנים, דײַן גאַנץ ליכט.

ווי ס׳איז אויך ניט דײַן שולד וואָס דו אַליין האָסט ניט געקענט אַרויסברענגען דײַן גאַנץ ליכט (אָך, איך זאָל וויסן אויף זיכער, אַז דו האָסט ניט געוואָלט!)

יוסף.

מיין קאָפּ האָב איך שוין לאנג מפקיר געווען צו אלע ווינטן, נאָר קיין איינער האָט מיר נאָך נישט גע־בראַכט די בשורה וואָס זאָל דינען פאַר א טרייסט:

— יאָ.

און סוף־כל־סוף, וואָס האָב איך געזען פון דיר? וואָס ווייס איך אויף זיכער פון דיר?

יוסף

איך וויל מיך אויסהוילן פון אלעמען, וואָס מיינע חושים האָבן מיר אין זכרון פאַרצייכנט, מיך אויסטון פון די קולות און ווידער־קולות און נאָר פון דיר אליין מיט דיר און מיט מיר רעדן.

וואָס האָסטו מיר געזאָגט?

האָסט מיר געזאָגט איינמאָל בשעת כ׳האָב דיר דער־ציילט, אז כ׳האָב שוין אויך נאָכגעטון דער קליינער באַנדע צווישן וועלכער מיר זענען מגולגל געוואָרן — איך צוליב דעם מסתם כדי איך זאָל דיך קענען, און דו כדי אויסצופולן די מאָס פון דיינע ליידן — אז כ׳האָב דיר דערציילט, אז איך האָב שוין אויך גענומען האנדלען, האָסטו מיך א פרעג געטון מיט דיין תמימות אין וועלכער איך האָב געפילט א ים מיט חכמה:

— מאָטל, וואָס טויג עס דיר?

קלונגט עס אין מיר מיט גדלות ביז היינט און ביז אלע מיינע היינטן ווי דו האָסט עס מיר געזאָגט ד י ר.

דאָס ערשטע מאָל איז עס מיר אויסגעקומען, מיר מאָטל אומרו, צו דערפילן א פעסטן באָדן. וואָס טויג מיר האנדלען? —

נאָר וואָס ווייס איך דען פון דיר? ווען איך וויל דײַן מאטעריעלן ווען תופס זײַן, בלייבט מיר נאָר לייכטער שטויב צווישן די פינגער, מיט וואָס פאַר א שטאָף בויעט מען א דענקמאָל דיר?

און דאָך, אויף אלע וועגן פון מיין אנטלויפן באגעגן איך דײַן פנים, אויף אלע דראָטן פון מײַן דיאַלעקטיק שלאָג איך מיך אָן אין דיר, יוסף.

יוסף.

וואָס שמייכלט דײַן מיד פנים אזוי?.. האָב איך ווידער עפעס געזאָגט א נאַאיווע זאַך?

איך האָב געזאָגט — אין מיין געדאנק — : יוסף, ווען דו לעבסט...

— יוסף, האָב איך געזאָגט, ווען דו לעבסט וואָלט איך מיך מיט דיר אין א שטילן אָוונט־ווינקל געטיילט —

הערסט... וואָס וואָלט ער געווען ווען נישט יודא? ער וואָלט געווען ווי בלומען־שטויב וואָס דער ווינט צע־טראָגט, ווער ווייסט, צי וואָלט אפילו דער ווײַטער ריח פון זײַן קנאַישער ליידנשאפט צו אונדז דערגאנגען, און איצט —

— יודא, וואָס האָסטו געטון? צו וואָס האָסטו אים צוגעצוועקעוועט, זײַן מאַטעריעלן ווען פיקסירט?

און דאָך, יוסף, ווי אזוי זאָל איך אנדערש טון מיט דיר... ווי אזוי זאָל איך דיך אויסן מויל פון פארגעסעניש ארויסציען, ווען איך זאָל דיך נישט אויף דער גאָלגאָטע פירן?

האָקן איינס:

עס איז געווען ווינטער „טויזנט נײַן הונדערט זעכצן־זיבעצן".

יוסף, וואָס האָסטו דאָן געמיינט? געדענקסט, האָסט מיך אַמאָל א פרעג געטון, צי שרייב איך צו מיינע אייגענע און איך האָב דיר געענטפערט, אז איך קען ניט שרייבן, אז איך האָב באַקומען א עקל־געפיל צום כתב, האָסטו מיר געשענקט א שטראַל פון דיין אויג און מיט דער געבראָכענער אינטימקייט, וואָס האָט דיך געמאַכט אזוי באָענט און אזוי פרעמד, א זאָג געטון אויף דו...

— מאָטל, ביזט שוין אוועק ווײַטער פון מיר...

יוסף, וואָס האָסטו געמיינט?

— יוסף

עס פאַרפאָלגט מיך ביז היינט און שפאלט מיר דעם מוח דיין אויסגעשריי דעמאָלט, געדענקסט, ווען כ'האָב דיר א זאָג געטון, אז ס'צ גייען שוין שלום־אונטערהאנד־לונגען... יוסף, איך פיל נאָך ביז היינט דײַנע הענט אויף מײַנע אָרימס, ווען האָסט מיך אָנגעכאפט און מיט אַ איבערמענטשלעכער שטים אויסגערופן:

— שלום, זאָגט איר? עס גייען שוין אונטערהאנד־לונגען? גאָט!

יוסף, איך האָב נישט קיין כבע פון ווייגען, יוסף, באַר דאָ, ווען איך דערמאָן מיך...

— יוסף

האָסטו געמיינט מיך צו טרייסטן, ווען דו האָסט אַמאָל
א זאָג געטון:

— ווען ער איז דאָ צווישן אונדז, וואָלט ער אויך
אזוי געטון.

און ער איז דאָך קיין פּחדן ניט געווען.

יאָ, יוסף, ער איז אויך אַנטלאָפן —

אָבער דו אליין האָסט דאָך געזאָגט:

— „עס איז שרעקלעך צו זיין גערעכט ביחידות,
ווען מענטשן ליידן".

ווי אזוי האָט עס אָבער אנדערש געקענט זיין?

יוסף —

האָסט געזאָגט:

— מען קען דורך א זינד קומען צו פרייהייט און
דורך א טעות אויפן אמת'ן וועג. נאָר ניט יעדן איז עס
געגעבן.

און דו ביזט אַזאַ אָפּגעהיטער געווען.

— יוסף, האָב איך געפרעגט, ווי אזוי קומט מען צו
באפרייאונג?

האָסטו מיר געענטפערט — און געדאַכט האָט זיך
מיר, אז ווענדעסט דיך גאָר צו אים, צום שרייבער:

— מען קען קומען דורך פאַרלייקענונג און מען קען
קומען דורך שאפונג.

און פּלוצים, א קוק געטון אויף אונדז ביידע מיטאַמאָל:

— ווייל צו דעם וואָס קומט פון לייקענען צו שאַפונג,
ער דאַרף שוין גאָרנישט פאַר זיך, און ווייל אלצדינג
פאַר אַלע.

אזוי האָסטו געזאָגט און געהערט האָבן אונדז די פינצטערע פיר ווענט פון דײַן גלות־צימער. אפשר האָט עס אויך געהערט די דיקע איינבאנדיקע דײַטשע ביבל און דאָס קליינע אַלטמאָדישע ספרל, וואָס דו האָסט אזוי משונהדיק ליב געהאט — דער מדרש פנחס... האָט עס אויך געהערט מאַריאַנע?..

און איך בין נאָך אלץ אויף די שוועלן: ניט כפירה און ניט יצירה, נאָר אומרו, אומרו. און דײַן דײַטשע ביבל מיט די קנאפּע צען באמערקונגען פון דיין האנט, מיט דיין מדרש פנחס און מאריאנעס בריוו צו דיר.

יוסף,

איך בין ניט אייפערזיכטיק. ווי קען איך עס זײַן, איך מאָטל אומרו, ביי וועמען אלץ גליטשט זיך ארויס פון די הענט, וואָס פאַרמאָגט חוץ דיין ביסל ירושה נאָר אָנ־געווייטיקטע זכרון־קעמערלעך.

איך האָב דיך ניט געאייפערט נישט צו מאַריאַנען, ניט צו ריטאן, און אויך ניט צו דעם מאָדנעם וועזן, וואָס איז געווען דער שרייבער. נאָר איין מאָל האָב איך געזינדיקט.

עס איז געווען יענעם אויפדערנאַכט אין דער צייט פון דיין קראנקהייט. ווען ביידע זענען מיר פאַרבליבן וואַכן ביי דײַן ברענענדיקן בעט און מיר האָט זיך געדאַכט, אז מײַנע אויגן ווערן מיר פארקוילט פון דײַן טאָפּעלט פיבער, פון דײַן לײַב און פון דײַן היץ־דעליר. אין יענער נאַכט האָב איך געזינדיקט מיט קנאה.

יוסף —

איך האָב גענומען פון דײַן פריינטשאפט מיט אזויפיל

ציטערניש, מיט אזויפיל אנגסט און ער האָט געשעפּט פולע הויפנס, און אזוי לייכט ווי איינער הויבט אויף א שטרויעלע.

נאָר ניט דײַן שולד איז עס. און אויך ניט זיינע...

און אין יענער נאַכט ווען מיר האָבן ניט געוואַגט צו מאַכן אַ באַוועגונג נאָר שווייגנדיק איינגעזאפּט דעם גרויסן מענטשלעכן עלנט וואָס האָט פון דיינע ברענענדיקע צעלן ארויסגעקלאָגט, האָסטו פלוצים א רוף געטון הויך אויף אַ קול:

— איך טרענק מיך אין שניי!

האָט ער און ניט איך געלעגט א האנט אויף דיין שרפהדיקן שטערן.

איך בין ניט אייפערזיכטיק. ווי קען איך עס זײַן?

און אז מיר זענען מיטן טאָג־גלײַך פון דיין צימער ארויסגעקומען און עס האָט אונזערע אויגן א גלעט געטון דער מבול שניי וואָס דײַן דעליר האָט אויף אונז געבראַכט, האָב איך דערזען אויף זיין פנים — מורא.

האָט ער און ניט איך געוואַגט זיך צו דיר צוריקצו־קערן. איך בין געבליבן אין דער מדבר פון דער פאַר־טאָגעדיקער שטאָט און אונטערן רחמנות־שיט פונם שניי.

ווי קען איך זײַן אייפערזיכטיק? קען מען אייפערן ד'עם ווײַסן אין־סוף, די געקעפּטע בערג?

מײַנע אויגן זענען פול מיט שניי.

פרוי

מאָטל אומרו, ווען ער וועט לייענען אונדזער געשיכטע, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון זיינע נשמה־אויסגעוואַרעמטע בלעטלעך, וועט זיכער מער ווי איין מאָל א ברום טון ניט צופרידן:

— וואָס האָט ער געטון?

ווייל ער האָט פאַר אלעמען און מער פון אלעמען געהאט אין זינען איין פערזאָן — יוסף'ן. ער זאָגט טאַקע אין א בריוו, צווישן איבריקן, אזוי:

„... איך שרייב דיר נישט דאָס אָרט ווו דאָס אלץ איז פאָרגעקומען, ווייל עס גייט מיך ניט אָן. איך, מאָטל אומרו, האָב נישט קיין שום פארפליכטונג צו קיין נאָמען פון קיין שטיקל ערד אויף גאָטס וועלט. וואָס היינט קען עס הייסן אזוי און מאָרגן אנדערש. איך בין שולדיק א חוב א מענטשן, איינעם וואָס איז געווען א לעבעדיקער אָטעם און וואָס איך פיל אים נאָך לעבן אין מיר און ער וועט לעבן מיט מיר ביז צום סוף, נאָר אָזאַ חוב איז פאַר מיר גילטיק".

אזוי, שרייבט ער, מאָטל, און ס'איז גאָר קיין ספק

ניט פאַראַן, אז ער האָט געוואָלט דערמיט גיבן אן אָנצו־הערעניש, אז אלץ און דער עיקר זאָל זיין יוסף.

ער האָט אָבער דערביי, ווייזט אויס, פאַרגעסן — אך, אומרו! — זיינע אייגענע בלעטלעך... עפעס רעדט זיך דאָרטן נאָך וועגן עמיצן און נאָך ווי אזוי!

דאָך אביסל רעכט וועט ער האָבן: בנוגע די אלטע לייט, ברוך קראָכמאל און זיין פרוי, ער האָט אוודאי נישט געריכט זיך, מאָטל, אז זיין שליח וועט אָפּגיבן אזויפיל פלאַץ אָט דעם טראַגיקאָמישן פּאָרל.

מען קען אָבער קיינמאָל ניט וויסן, און דער שרייבער אליין ווינציקער ווי ווער ס׳איז ניט איז, וואָס סע וועט פאַרכאַפּן דאָס געמיט פונם שרייבער, וואָס עס וועט אים באהערשן.

— „ניקס צו מאַכן!"

אזוי וואָלט געזאָגט דער אלטער בענעדיקט. און וואָס שייך דער מאַדאַם קראָכמאַל...

זי איז געווען „פּראָפּירט" פון דער פאַרענדערונג, וואָס זי האָט באמערקט און ריטאַן, נאָך יענעם אויפדערנאַכט ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער אינצידענט צווישן שרייבער און יוסף׳ן, און אין וועלכן זי, מאַדאַם קראָכמאַל, האָט זיך זער לייטיש ניט געמישט און אפילו מיט קיין וואָרט וועגן אים ניט דערמאַנט.

יענעם אָוונט איז יוסף שטאַרק אַראָפּגעפאלן אין ריטאַס אויגן.

פאַרוואָס?.. אפשר איז שולדיק געווען יוסף מיט זיין אנטלויפן?.. ווייל, כוף־כל־סוף, האָט דאָך עס אזוי געקענט הייסן. און פרויען האָבן נישט ליב יענע, וואָס אנטלויפן־

פרויען זענען אַמביציעז און אורטיילן לויט דעם וואָס זיי זענען. נאָר דאָס וואָס זיי זענען איז פאַר זיי ווירקלעכקייט. און ריטא האָט געזען, אז יוסף האָט פאַרלאָזט דאָס שלאַכט־פעלד, בשעת דער אנדערער איז געבליבן. זי וואָלט עס געוועזן געוואָלט פאַרקערט. עס האָט איר שטאַרק וויי געטון אָט דאָס דאָזיקע. און כאָטש זי האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אים אַקעגן שרייבער און ס'האָט געהאלטן שיער־שיער ביי גאָר גרויסן, דאָך ווען זי איז געבליבן אליין, האָט זי געוויינט פאַר פאַרדראָס און פאַר בושה: נאָך וואָס איז ער אנטלאָפן, יוסף? פאַרוואָס האָט ער זי אזוי... פאַרשעמט?

פאַטאַלע טראַגיק פון ווערטער!ביידע האָבן זיי איצט געליטן, ריטא און יוסף, און זייער פּיין האָט זיך קאָנצענטרירט אין איין באגריף, וואָס דריקט זיך אויס מיטן וואָרט „אנטלויפן". און דאָך, וואָס פאַר א ווייטקייט אין אינהאלט. ריטא האָט באַדויערט יוסף'ס אנטלויפן — אזוי האָט זי עס געטייטשט — פון א קאָנפליקט מיט א בעסטיע, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין א מענטשן. און יוסף איז אָפּגעגאַן מיט בלוט פאַר זיין אנטלויפן פון צו טיילן מענטשלעכן גורל מיט מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות.

איין און דאָס זעלבע וואָרט באַנוצט פאַר איין און דעמזעלבן סוביעקט, און אַזאַ מהלך פון באטייט. די מענטש־לעכע שפּראַך אליין געוויגט נישט, אז מענטשן זאָלן זיך אַבסאָלוט פאַרשטיין...

דער ענין איז אָבער בכוח אונדז צו פאַרפירן ווייט. מיר קערן זיך אום צום קאָנקרעטן, צו ריטאן.

עס איז מיט איר בכלל פאָרגעקומען זער א וויכטיקע ענדערונג. און זי האָט עס געפילט. זי איז מיט אמאָל אלט

געוואָרן אירע פולע יאָ־ן. א שווערער ערנסט האָט זיך באזעצט אין אלע אירע צעלן. און א אַפּאַטיע, וואָס האָט געקענט באַאומרויקן.

זי האָט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו דער באלע־באטישקייט, צו די קינדער, צום פאָטער.

עס איז מיט איר געשען, גלייך זי איז זיך וויסיק גע־וואָרן וועגן דער פראָזאַאישקייט אינם גורל פון דער פרוי וואָס שטעלט זי אַוועק אין א לאַגע — טרייסטלאָז און אומ־פאַרמיידלעך — פרוי קעגן מאן!

אָט דער „וויראַזש" ריטאס האָט זי אָן איר ווילן א טראָג געטון אין א גאנץ אומדערוואַרטעטער ריכטונג. אנשטאט וואָס אלע אירע סימפּאַטיען זענען ביז אנומלטן געגאנגען צום פאָטער און די אָנטיפּאַטיען צו דער מוטער, איז עס איצט געווען פארקערט. זי האָט שוין מער ניט געפילט צו דער מוטער יענע פאַראכטונג, וועלכע זי האָט אפשר ניט געוואָלט און איז דאָך געווען ביי איר; אנ־שטאט דעם איז געקומען א מין מיטגעפיל און אין א געוויסער מאָס אפילו באוואונדערונג. זי איז געוואָרן צו דער מוטער ווייכער, צוגעלאָזטער. אפילו איר שטים, בשעת רעדן מיט דער מוטער, האָט באקומען א וואַרעמ־קייט און א מעלאָדישקייט, וואָס מען האָט ביי איר פריער ניט געהערט. גלייך זי האָט געוואָלט אויסקויפן די באַציונגען פון פריער!

און אין דער זעלבער צייט איז די פריערדיקע צוגע־בונדנקייט צום פאָטער פאַרביטן געוואָרן אין א דורכ־שניטלעכן רחמנות, אזוינס וואָס מען פילט צו באזיגטע, וועלכע האָבן ניט געקעמפט.

זי האָט איר איצט פארגיבן, ריטא דער מוטער, אלע

אירע חטאים, ווען אפילו זיי זענען געווען מערערע· זי וואָלט אפילו גערן געטון עפּעס, זי אָפּצוהיטן פון דורכפאל···

אין באשטימטן טאָג פון דער וואָך, וואָס ריטא האָט שוין געוווּסט, האָט זי ווידעראַמאָל זיך געלאָזט אויף א שפּאַציר, דורכגעמאַכט די זעלבע סטראַטעגיע ווי די פריערדיקע צוויי מאָל· זי איז איצט געגאנגען גאָר אנ־דערש· איצט האָט זי געפירט א נייגיריקייט, די נייגי־ריקייט פון דער פרוי פון מאָרגן· זי האָט געוואַרט אָן יסורים, מיטן איינציקן ווונטש: צו זען נאָכאַמאָל·

די מוטער איז אָנגעקומען· ריטא האָט באמערקט, אז זי גייט רויק, ווי אויף זיכערן· זי האָט אויך געפונען, אז זי איז נאָך גאנץ שיין, גאנץ אינטערעסאנט· זי האָט איר מקנא געווען און אין דערזעלבער צייַט געהאט אַ געפיל פון נקמה אין די מענער: אַ יונגער שיינער מאַן און אַן אַלטע פרוי! עס האָט איר הנאה געטון· אָבער···

אָבער ווו איז ער?·· פאַרוואָס קומט ער נישט?··

זי איז געוואָרן אומרויק, גלייַך זי אליין וואָלט עס געווען יענע, וואָס וואַרט··· זי האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק אין יענער זייַט פון וואנען ער פלעג געוויינלעך אָנקומען, געווען טיף באזאָרגט, און ווען ניט די מורא צו ווערן אנטדעקט, וואָלט זי ארויסגעגאַן פון איר באהעל־טעניש אים נאָכזוכן·

אין א פּופצן — צוואנציק מינוט ארום איז די מוטער ארויסגעקומען, עס האָט זיך דערקענט אין איר א גע־וויסע פאַרלוירנקייט· זי האָט געמאַכט אַ שפּאַציר צוריק, איבערגעשניטן די גאס, ווידער צוריקגעקומען, אריינ־

געגאַן אין דעמזעלבן טויער, און ווידער, אין וועלכע פופצן, צוואַנציק מינוט אַרום אַרויסגעקומען, זיך אַרומגע־קוקט גאַנץ פֿאַרווירט, געמאַכט נאָך אַ קליינעם שפּאַציר, געשטאַנען אַ ווײַלע ניט אַנטשלאָסן, ווי איינער, וואָס גלויבט זיך אַליין נישט, אַז ס'איז אַזוי געשען. אַ קוק געטון אויפֿן זייגער, אַוועקגעגאַן. ריטאַן האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי גייט ניט זיכער, אַז זי איז זער געפֿאַלן ביי זיך.

עס האָט איר געטיאָכקעט דאָס האַרץ ריטאַן פֿאַר אויפֿרעגונג. אַ טיפֿע באַליידיקונג האָט געבורעוועט אין גאַנצן בלוט, זי האָט זיך אַליין אויף אַזויפֿיל קיין חשבון ניט אָפּגעגיבן. עס איז ניט געווען קיין מאַמע אָט די פֿרוי, וואָס איז נאָר וואָס דאָ אַוועקגעגאַן. עס איז געווען אַ פֿרוי, די פֿרוי, דאָס גאַנצע פֿרויען־געשלעכט, אַלע, אַלע, דאָס זעלבע קען פֿאַסירן מיט יעדער פֿרוי, מוז פֿאַסירן מיט יעדער פֿרוי, אַזוי לאַנג ווי... דאָ איז דער געדאַנק געבליבן הענגען. אַזוי לאַנג ווי?...

זי איז געגאַנגען ריטאַ און געטראַכט. דער געדאַנק האָט געאַרבעט אויף אַ אומגעווייַנלעכן, פֿאַר איר, אופֿן. זי האָט געוואָלט און ניט געקענט אויפֿוויקלען דעם קנויל. פֿון אַ פֿראַגע איז געוואָרן צען, אַ מענגע. זי איז זיך אַליין געוואָרן פֿרעמד, אָפּגעטיילט.

אויפֿדערנאַכט איז זי געזעסן אין דער אַלטער שטוב. זיך פֿאַרנומען מיט די קינדער. געוווּסט, אַז דעם פֿאָטער איז לאַנגוויַיליק דאָרט, ער בענקט נאָך אַ מענטשן, נאָך איר, זי איז אָבער ניט געגאַנגען אַהין. ס'האָט זיך איר געוואָלט זיין נאָענט צו דער מוטער, איר זאָגן אַ גוט

זוֹאָרט, זי ניט לאָזן אליין מיט איר באליידיקונג. אויך אין פרוי קראָכמאל האָט הײַנט א רעד געטון די מאמע. זי האָט באמערקט ריטאס אָפּגעזונדערטקייט, א זאָג געטון מיט פאַרדראָס:

— אלע אונדזערע באקאנטע זענען פארפאלן געוואָרן. אפילו מאַריאנען זעט מען נישט.

אויף וואָס ריטא האָט געענטפערט מיט א שמייכל, געמאַכט צוליב דער מוטער:

— זיי זענען אויסגעפרוירן.

און ווידער א שלאָפלאָזע נאַכט. ווי דעמאלט ווען זי האָט געמאַכט די פּײַנלעכע אנטדעקונג. אָבער די רעאַקציע איז שוין געווען פון גאָר אַן אנדערן מין.

דעמאלט איז אויף איר ארויפגעפאלן א בארג. עס האָט זיך געוואָלט לויפן, פארשווינדן. און איצט האָט זי געוווסט, אז לויפן איז נישטאָ וווּהין: נישט דערפאַר, ווייל די גרענעצן זענען פאַרצוימט, נאָר ווייל ס'איז איבער־הויפט נישטאָ וווּהין — אומעדום וועט זײַן דאָס זעלבע. אומעדום איז די פרוי דער קנעכט פונם מאַן, א גע־טרײַער אָדער א אומגעטרײַער, אָלץ א קנעכט. און קיין חילוק נישט, וואָס פאַר א מאַן. נאָבל? ווער איז נאָבל? דער שרײַבער? יאָ, אפשר בשעת דעם שרײַבן. און דערנאָך קען ער אָפּגיבן מיט אן עודף... ווער זאָל צאָלן פאַר אזויפיל געשריבענער נאָבלקייט? ווער זאָל אָפּקומען דערפאַר? נאָר די פרוי! ווייל די מענער וועלן זיך ניט לאָזן טעראָריזירן. קיינער, חוץ דער פרוי! ווייל... ווייל...

עס איז איר געוואָרן א בושה, ביז טרערן. אַזש עקלהאַפט.

געטראַכט:

··· ווען מען קען אויסגעפינען א מיטל ניט צו האָבן קיין קינדער· קיינער זאָל דערפון ניט וויסן· ניט די מענער, ניט די מלוכה, נאָר די פרויען···

זיך דערמאנט אין איר מוטער, אין קאמף מיטן פאָטער פאַר קינדער־האָבן·

געעפנט ברייט די אויגן:

··· האָט זי באמת געוואָלט האָבן קינדער? טאקע געוואָלט? און איך וועל אויך וועלן? — — — —

זיך דערמאנט אין מאַריאנען, געטראַכט:

··· מען זעט זי נישט· קער שוין ווידער האָבן עפּעס אַן אוועגטורע·

און:

··· אָט די מאַריאנע, זי איז דאָך פיינער פון אלע מענער· אָט האָט זי געקענט נעמען ביי איר אלטן מאַן א פאַרמעגן און ניט געוואלט מערער ווי די פענסיע פאַרן קינד· און לעבט ווי איר געפעלט, ניט פאַרבונדן מיט קיינעם· קיינער וועט זי ניט טעראָריזירן!

זיך אַ פרעג געטון:

— וואָלסט געוואָלט אזוי לעבן ווי מאַריאנע? וואָלסט געקענט?

א ציטער געטון מיטן גאנצן קערפּער:

— ניין·

און ווי איינער, וואָס וויל זיך ראַטעווען פון א שלעכטער זעאונג:

— גאָט זאָל מיך היטן··· גאָט·

די נאַכט איז גרויס פאַר יענע וועמענס שלאָף איז פאַרזאָגלט. די נאַכט איז אומענדלעך.

ריטא האָט געוואָלט מאַכן ליכט, אָבער אין דעמזעלבן צימער זענען אויך געשלאָפן צוויי פון אירע ברידערלעך, שול־קינדער. זיי דאַרפן גאנצפרי גיין אין שול אריין. א שאָד זיי אויפצוועקן... נעבעך, קינדער... אין שכנות־דיקן צימער שלאָפט די מוטער מיט אנדערע צוויי. ריטא הערט ווי די מוטער דרייט זיך אין בעט, קען ניט שלאָפן. ריטא שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס. זי האָט ניט קיין פאראיבל אויף איר, נאָר עס מאַכט איר, ריטאַן, נאָך ענגער...

... זיך אָנטון און אוועקגיין צום פאָטער? ניין. זי האָט ניט וואָס צו זוכן דאָרטן.

מיט גרויס פאַרזיכט איז זי אראָפּגעקראָכן פונם גע־לעגער, זיך געלאָזט צום פענצטער. אויפן וועג א קוק געטון צו די קינדער. זיי אײַנגעדעקט. ריטא שטייט ביים פענצטער און קוקט אין טונקלען הויף.

זי זעט: מאַריאַנעס פענצטער האָט שוואַכן שײַן. ווארשײַנלעך, ליכט ביים בעט. ווייזט אויס, געלייענט און אנשלאָפן געוואָרן. און אפשר שלאָפט זי אויך נישט?.. איבערגעפירט דעם בליק צום פאָטערס צימער. פינצטער. זיך פאָרגעשטעלט ווי ער ליגט אין בעט, קוקט ארויס פון זײַן באהעלטעניש. א מענטש איינער אליין. וואָס האָט ער, וועמען האָט ער? רחמנות. און תרעומות:

— וואָס זאָל ער האָבן? וועמען זאָל ער האָבן?! פאַרוואָס?..

פאַרגלייכט מיט דער מוטער. זיך געזאָגט:

— איך בין נישט געווען גערעכט קעגן דער מאמען.

אין טעות געלעבט. און אזוי אלע. אפילו דער שרייבער... דער וואָס... ער אויך, ער אויך! אויב ער וועט קומען באשרייבן אונדזער משפּחה, וועט ער דאָך זיכער די פייַנסטע פאַרבן אויסזוכן פאַרן טאטן, ווערנד פאַר דער מאמען... איר וועט ער געוויס געפונען דאָס ערגסטע אויסצוזעצן... דער מאַן דער קרבן, נעבעך. און די פרוי — די זינדערין, די פארעטערין. אלדאָס ביין איז זי!..

א טראַכט געטון מיט אַמאָל, ווי א אומגעריכטער בליץ:

... נו, און יוסף?

א בענקשאפט וואָס די שפּראַך האָט ניט קיין וואָרט פאַר איר, האָט זיך צעגליט אין אלע אירע גלידער. זי האָט מיטן גאנצן מויל ארויסגעאָטעמט צום פענצטער:

— יוסף...

זיך צוריקגעלעגט. איבערגעדעקט זיך איינגאנצן. ניט געהערט דער מוטערס דרייען זיך אין בעט. גאָרנישט, קיינעם נישט. עס גייט זי מער קיינער נישט אָן. נאָר זי און דאָס פייַער וואָס נערט און פארצערט די פרוי פון אייביק ביז אייביק.

אַ טיר קעגן אַ טיר

און אַקעגן איז געווען מאַריאַנע· זי וואָס האָט נישט געלעבט אין צייט, וואָס האָט ניט געחשבונ׳ט· מאַריאַנע, וואָס האָט פון קיינעם גאָרניט פארלאַנגט, קיינעם קיין פאָרוואורף ניט געמאַכט און זיך אויך נישט· פאַר וועמען די איינציקע מאָס איז געווען איר ווונדערבארער קערפער און פאַר דער מאָס האָט געקלעקט דאָס איינפאַכע און פרימיטיווע אין דער צייט־שפּיל לייטער: טאָג און נאַכט··· נעכטן? עס איז נישט געווען קיין נעכטן· עס איז גאָרנישט געווען ביז אָקארשט, ביז אָט דעם פלאַטער, וואָס איך ריר אים אָן און ער רירט מיך אָן· גאָרנישט איז נישט געווען· און מאָרגן, איבער א חודש, איבער א יאָר?·· מאַריאַנען גייט עס נישט אָן· זי וויל עס נישט, מאַריאַנע· זי איז נישט געווען און זי וועט נישט זיין· זי איז אַצינד·

און אין דעם אַצינד האָט זי געוואָלט — יוסף׳ן·

פאַרוואָס? מחמת וואָס? וואָס האָט זי געצויגן צו דעם אויסגעמארכעוועטן יידן? זי, וואָס האָט געקענט די ליבע אונטער אַלע מאַסקעס? זי ווייסט עס נישט· זי ווייסט באָר, אז זי וויל·

עס איז דאָך געווען א מאָמענט ווען ער איז פאַרשווונדן פון איר האָריזאָנט: יענעם אָוונט.

ער האָט אָנגעווירן דאָס ממשות אין אירע אויגן. גלייך ער וואָלט געווען יענע „פליענדיקע פליג", די „מוש וואָלאַנט" וואָס א טייל אַנעמישע און נערוועזע נאַטורן ווערן פון איר געפּלאָגט. די „פליג" איז, הייסט עס, פארשוווּנדן אין יענעם מאָמענט ווען דער שרײַבער האָט א זעץ געטון אין טיש און אויסגעשריגן: „מאַניאַקן..." זי איז אפילו געהאט אַראָפּגעפאלן ביי זיך אַליין, מאַריאַנע... אויף דערויף איז זי איבערגעקומען?!

זי האָט געפּרווט א טרייסל טון פון זיך דאָס אָנשיקעניש, אָט די „יידישע מאָראַל", ווי זי האָט עס ביי זיך אָנגערופן. זי האָט זיך ארויסגעכאפּט פון שטילן הויף אין צענטער ארײַן און געטון א הוליע. און באלד צוריקגעקומען ווי איינער, וואָס אנשטאט דעם גוטן געבענטשן ווײַן, האָט מען אים געגיבן הייוון נײַן, ניט דאָס! ניט דאָס וויל איצט מאַריאַנע! און דאָך, זי איז ניט איבערגעזעטיקט, זי איז אפילו ניט זאַט. פארקערט: עס ברענט אין איר א הונגער, ווי זי האָט עס — דאַכט איר — קיינמאָל נאָך ניט איבערגעלעבט. אלצדינג וואָס זי האָט געהאט איז גאָרנישט קעגן דעם געווּוּס, וואָס זי רעכט זיך אויף אים, וואָס זי שפּירט אים, וואָס ער מוז קומען...

טעג און נעכט ליגט מאַריאַנע ביי זיך אין צימער און לייענט. זי טוט עס אזוי, ווי זי וואָל אויסהערן איינעם אויס העפלעכקייט — עס איז אַמאָל אינטערעסאַנט, אַמאָל לאַנגווײַליק, אָט דאָס וואָס זי הערט. אָבער — וואָס גייט

עס איר אָן ? זי טוט זיך סיי ווי אירס... זי פילט צייטיקן אין זיך די ליידנשאפט ווי א פרוכט, זי פילט ווי זי פולט זיך אויס אין איר. זי נעמט אָפּ, מאַריאנע, איר טייל פון דער „פאַר־הנאה״, פונם ווונטש אליין. זי האָט דאָס געפיל, ווי זי וואָלט פאַרמאָגן געוואלדיקע שפּייכלער מיט אלדאָס גוטס און זי האָט דעם שליסל, און אָט גייט זי באלד עפענען די שלעסער און זאָגן צו די וואַרטנדיקע: נעמט. עס איז מיינס. און איך גיב עס אייך, ווייל עס געפעלט מיר, ווייל איך האָב הנאה דערפון.

זי פאַרטראַכט זיך נישט, מאַריאנע, וועגן יענע, וואָס האָבן שוין גענומען פון די שפּייכלער. זי געדענקט זיי נישט. און ווידער: עס האָט קיינער נישט גענומען. זיי האָבן נישט געוווּסט ווי צו נעמען. ניין, נית דאָס. נית דאָס. עפּעס אנדערש וויל איצט מאַריאנע, זי רעכט זיך אויף גאָר נייעס, גאָר אזוינס וואָס איז נאָך נישט געווען, און וואָס זי פילט שוין, אז ס'איז פאַראַן. אָט איז עס, אָט קומט עס.

זי איז פול, מאַריאנע, מיט א פרייד, וואָס האָט קיין נאָמען נישט. אַזאַ פרייד האָט זי נאָך נישט געהאַט. קיינמאָל. זי פילט ווי א ליכטיקייט אין קערפּער. עס שטראַלט ארויס פון איר. זי שמייכלט צום צימער. זי קוקט און וווּנדערט זיך. זי זעט זיך אזוי, אָן דער הילף פון א שפּיגל, און זעט זיך א נייע, א אומבאקאנטע, ווי א בילד פון זיך, געמאַכט פון א גרויסן פאַרליבטן מייסטער. זי האָט באקומען א באזונדערע לייכטקייט, גלייך דער קערפּער האָט פאַרלוירן אין וואָג און געווונען אין עלאַס־טישקייט. זי גרייט זיך, מאַריאנע, צו׳ן עפּעס פייערלעכס, צו׳ן א יום־טוב א נייעם אַ נאָך נית געפּראַוועטן.

און אין איינעם א טאָג האָט זי א זאָג געטון:

— היינט גיי איך צוג׳אים. זאָל זיין וואָס סע וועט זיין, איך גיי צוג׳אים.

זי האָט ניט געוווּסט ווו ער וווינט, און ריטא׳ן פרעגן ניט געוואָלט. זי האָט זי איבערהויפּט אויסגעמיטן לעצטנס. פאַרגעסן אין איר. און איצט האָט זי בכיוון ניט געוואָלט רעדן מיט איר דעריבער. ווי מורא געהאַט, זי זאָל איר ניט קאַליע מאַכן, איר אין וועג ניט שטיין... ניין, זי וועט ניט פרעגן ריטא׳ן וועגן יוסף׳ן. זי וועט מיט איר בכלל ניט רעדן. זי וועט שוין אליין טרעפן דעם וועג אַהין, צו דעם וואָס זי האָט... ליב.

זי האָט אויסגענוצט דעם צוטרוי פון די אייגענע, וועלכע האָבן זי געקענט און געוווּסט, אז ווען עס קומט איר אָן דאָס היים־זיצן וועט מען זי מיט קיין שטעקן נישט ארויסטרייבן, פונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך זי צו פאַרהאַלטן, ווען עס קומט איר אָן צו גיין. זי האָט זיך פאַרנאַכטצו געטון א כאַפּ ארויס און זיך געלאָזט גיין. זי האָט פאַר שטאַנען, אז וווינען וווינט ער אין אָרימסטן יידישן פערטל, אין סאמע געטאָ. זי האָט זיך אוועקגעלאָזט אהינצו, ווו איר פוס האָט נאָך קיינמאָל ניט געטרעטן. און צו איר שבח זאל עס געזאָגט ווערן, זי האָט נישט געבלאָזן פון זיך, זי איז נישט געגאַנגען, ווי א פאַרבלאָנדזעטע אדער ווי איינע וואָס לאָזט זיך אראָפּ און טוט א טובה. זי איז געבאַנגען, מאַריאַנע, דאָ ווי אַן אייגענע, גלייך זי איז א קינד פון די גאסן און די געסלעך. מיט חשק זיך צוגעקוקט און אריינגעקוקט. אט די געסלעך ווו אַלטע בעלי־מלאכות, זיידעס, וואָס האָבן שוין זייט יאָרן נישט געארבעט, זענען

ווידער צוריקגעגאַן צום וואַרשטאַט, ווייל די זינען אָדער די איידעמס זענען אין קריג, ווו מען האָט געאַרבעט ביי נאַפט־לאָמפּן, ווי ערגעץ אין א דאָרף, געסלעך, ווו מען פאַלט אַריין גלײַך פון דרויסן אין דירה אַרײַן, ווו א צימער ווערט איבערגעטיילט מיט א שאַפע אויף צוויי העלפטן, איין העלפט איז א ווערקשטאַט, און דאָס צווייטע דאָס שלאָף־צימער, זי איז בעגאַנגען, מאַריאַנע, ווי אַן אייגענע.

און אין איינע פון די געסלעך האָט א שטים זי אָפּ־גערופן, פאַרוווּנדערט, איבעראַשט פון דעם באַגעגעניש.

דאָס איז געווען איינער פון יענע יונגע־לייט, וואָס פלעגן אַמאָל אַריינקומען צו די קראָכמאַלס און האָט גע־קענט מאַריאַנען, אויך זי אים, כאָטש זי האָט זיך אויף אים קיינמאָל ניט אומגעקוקט.

מאַריאַנע האָט אים איינפאַך א זאָג געטון:

— פירט מיך צו יוסף׳ן.

ער האָט זי אָפּגעפירט.

זיי האָבן אים געפונען אין בעטל ליגנדיק, אין דער פינצטער. דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט יוסף׳ן געווען גאַנץ נאָענט — מיר האָבן אים צוליב פאַרשידענע טעמים ניט איינגעשלאָסן אין דער געשיכטע — האָט געמאַכט ליכטיק. זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און געבלעטערט די דיקע דייטשע ביבל, וואָס ער האָט שוין געקענט. און מאַריאַנע האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן יוסף׳ן.

— וואָס איז אייך, הער יאָזעף? איר זענט ניט געזונט?

מאַריאַנעס שטימע איז געווען פײַנסטער סאַמעט.

אָבער איצט עפּעס מער. עס האָט וויברירט אין איר אַזאַ ווייכע וואַרעמקייט, וואָס איז גאָרנישט צום דערלאַנגען. אַזוי פרעגט אַ געטרײַע מאַמע איר ליב קינד:

— זונעניו, סע טוט דיר עפּעס ווײַ?.. וואָס?.. וווּ?..

דער יונגערמאַן ביים טיש, וואָס מיר ווילן דאָ נישט פּורש בשמו זײַן, איז אַזש פּאַרציטערט געוואָרן הערנדיק מאַריאַנעס שטים, אַזוי ווי זי האָט איצט גערעדט. ער האָט געבלעטערט די ביבל און די פינגער האָבן פּולסירט, ווי סע וואָלט זיך אים אויסגעשפּרייט דאָס האַרץ אומעדום. עס איז אים פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן אין זכרון אָט יענע איבערלעבעניש. ער האָט מער שוין קיינמאָל אַזאַ שטים און אַזעלכע טענער ניט געהערט.

יוסף האָט געקוקט אויף איר און געשוויגן.

זי האָט געזאָגט:

— מען זעט אייך נישט. קומט עמיצער צו נ'אײַך?

ער האָט געענטפערט:

— מײַנע פרײַנט...

און מיטן בליק פאַרטײַטשט:

— אָט דער מענטש.

מאַריאַנע האָט אַ קוק געטון אויף דעם פרעמדן נישט פאַרשטאַנען די פרײַנטשאַפט. זי האָט דעם יונגנמאַן כמעט ווי ניט באַמערקט די גאַנצע צײַט. און אפשר האָט עס איר אפילו ווי געטון. זי וואָלט איצט געוואָלט אַ״ין האָבן יוסף׳ס פרײַנטשאַפט. מיט קיינעם ניט טיילן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים. געשאַרט זײַנע האָר פונם שטערן אַרויף, צוריק. אין פּנים אַרײַנגעקוקט. אַזעלכע מאָדנע שטריכן. אַ שיינער? ניין. עפּעס אַנדערש. אַ פּנים וואָס טראַכט. טראַכט שטענדיק. טראַכט גוטס. אַ פּנים פון

מוסקלען,ביינער און באוועגונגען. אָן פעטס. אין יעדן קנייטש רוט א מחשבה. און סימנים פון שווערע ליידן.

שטיל, קוים וואָס דאָס געהער האָט עס אויפגעכאפּט, האָט מאַריאַנע אויסגעהויכט:

— יוסף...

עס איז געווען מער יעזוס, ווי יוסף.

ער האָט זי אָנגעקוקט קאַלט, ווי ניט קיין היגער.

זי איז אוועק אָן א גוטע־נאַכט אפילו.

אַ טיר קעגן א טיר, א פענצטער קעגן א פענצטער; צוויי פרויען, מאַריאַנע און ריטא; און ביידע געזוכט רעטונג. אין וואָס, אין וועמען? אין א האָלאָווּעשקע זיך אָנגעכאפּט.

מילא, ריטא. אין ריטאַ׳ן האָט די פרוי אָקאַרשט באקומען לשון. און איר נשמה־צושטאנד האָט זי געקענט פירן צו דעם עניגמאטישן נזיר. אָבער מאַריאַנע?

ביי איר גאנצער צעלאָזנקייט האָט דאָך מאַריאַנע געזען, אז דאָס וואָס זי לעבט איצט איבער, איז גאָר עפּעס אנדערש ווי דאָס פריערדיקע. עס איז איר געווען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן, וואָס זי איז נישט געגאנגען אָן א אינערלעכן ווידערשטאנד. עס איז געווען דער ערשטער קאַמף מיט זיך אליין. זי האָט געקעמפט אזוי ווי זי האָט געקענט.

צו ריטאַ׳ן איז זי ניט געגאנגען. זי פֿײַנט באקומען, זי און אלע יידן, גלײַך זיי וואָלטן געווען שולדיק אין איר שוואַכקייט. אלע אָוונט איז זי אוועק צו יוסף׳ן, און צוריק

געקומען א צעבראָכענע, א דערנידערטע: יוסף האָט זי אפילו ניט באַמערקט. אזוי האָט זיך איר געדאַכט...

איר שטאָלץ האט זיך רעוואָלטירט, דער שטאָלץ פון א פרוי וועמען אזויפיל האָבן באגערט, פון א פרוי, וואָס האָט געוווּסט פון איר שיינקייט און איר מאַכט.

און דעמאלט האָט זי אָפּגעטון א זאַך, וואָס דערנאָך, אחר המעשה, האָט זי זיך דערפאַר דערשראָקן. עס האָט זיך פאַר איר באוויזן אין דער פערספּעקטיוו עפּעס זער שלעכטס, ווי זי האלט ביים באגיין א שווער פארברעכן און ווייסט נישט וואָס.

זי איז אוועק צו אים באטאָג. ער איז ניט געווען אין דר׳היים. האָט זי איבערגענישטערט דאָס גאנצע צימער־אומעדום געזוכט און אין ערגעץ נישט געפונען קיין סימן פון בריוו, נאָר א פאָטאָגראַפיע פון זער א יונגער פרוי מיט א וויג־קינד. זי האָט עס באטראַכט, מאריאַנע, מיט נייגיר, מיט מיטלייד און, פּלוצים, זי ווייסט ניט ווי אזוי ס׳איז געשען, זי האָט עס צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך, באשפּיגן, אוועקגעווארפן און אנטלאָפן מיטן געדאנק מער קיינמאָל ניט צוריקצוקומען.

זי האָט זיך געקראגן א קופּע ביכער. טאָג און נאַכט געלעגן אויפן דיוואַן און געלייענט. אינערגעץ נישט געגאנגען.

אין דער צייט האָט מען אין די אָפיצירן־קרייזן אָנגעהויבן איבערגיבן, אז מאַריאנע גייט אוועק אין א קלויסטער. אנדערע האָבן דערציילט פאַר זיכער, אז זי איז מיאוס אָנגעשטעקט.

די אלע קלאנגען האָט זי אליין פארשפּרייט דורך

מיטלען וואָס זי האָט זיך ספּעציעל דערויף דערפונדן.

די רו איז אָבער ניט געקומען. עס האָט זי געצויגן צו אים מיט א קראַפט וואָס האָט ניט קיין נאָמען. דער מוח האָט שיער ניט געפּלאַצט. עס האָט זיך איר געדאַכט צייטנווייז, אַז זי באַקומט א כוח וואָס מיט איין קלאַפּ זעצט זי דורך די ווענט. דאָס איז געווען די אומגעהויערע שפּאַנונג פון איר בלוט, עס האָט זיך איבער איר צעגאָסן א שרפה:

— יוסף.

איז זי אין א אָוונט אוועק פון דר׳היים אין שטאָט אריין און — אים באַגעגנט.

זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און מיטגעצויגן מיט זיך, ווי א געפאַנגענעם. זי האָט אים געפירט מיט אומבאַקאַנטע ליקן און געסלעך, טויערן און טונקלע פּאַסאַזשן. עטלעכע מאָל האָט א גרופּע אָפיצירן זי דערקענט און זיך נאָכגענומען נאָך זיי, נאָר זי האָט זיך קונציק אויסגעדרייט און צו יוסף׳ס דערשטוינונג זענען זיי מיטאַמאָל ארויס אויפן שטאָט־גאָרטן. זי האָט אים שנעל געפירט מיט זיך, אים ארויפגעפירט אויפן גלאָקן־טורם פון דעם קלויסטער, זיך דאָרט מיט אים אוועקגעזעצט. עס איז געווען א צויבער־בילד פאַר זייערע אויגן. די שטאָט אין נעבל דורך וועלכן ס׳האָבן זיך געמאַכט א וועג, ווי כיטרע געדאַנקען־פעדים, די עלעקטרישע דראָטן מיט זייערע לעמפּלעך.

ביי יוסף׳ן האָט זיך עפּעס א ריר געטון אין האַרצן. עס איז אים געווען, ווי אין די קינדער־מעשה׳ס מיט די רויבער, ווען דער העלד זאָגט א שפּרוך און דער שטיין קייקלט זיך אראָפּ. א אומגעזעענער אלי־באַבא האָט איצט

ביי זײַן נשמה געזאָגט דעם „סעזאַם עפן דיך". מאַריאַנע האָט זיך ארום אים געוויקלט ווי א שלאנג:

— יוסף... יוסף... יעזוס... מיין קליינער ייד, מיין מאָגערער ייד, זײַ מײַן מאן.

— — — — — — —

א צײַט דערנאָך איז זי צונ'אים ניט געגאנגען. זי איז אינערגעץ ניט געגאנגען. טאָג און נאַכט זיצט מאַריאַנע ביי איר קליינעם טישל לעבן בעט און שרייבט. זי שיקט פון צייט צו צייט א בריוו מיט דער אלטער דינסט, איר איבערגעגעבענעם פרײַנט. די דינסט היט איר סוד מער ווי מאַריאַנע, ווייל מאַריאַנע האָט אָפּן אין שטוב געזאָגט: זי וועט זײַן דעם מאָגערן יידנס ווײַב, ווען זי זאָל אפילו מיטן לעבן באַצאָלן. דערווײַל זיצט זי אין שטוב. גייט ניט אינערגעץ. זי מאַכט פּלענער. און פּרוּווט איבערגיבן דעם פּאַפּיר דעם פיבער, וואָס זי האָט אין בלוט.

און אַקעגן.

ריטאַ. אָרים מיידל. זי איז אַרײַן צוריק אין יאָך, ווי פריער, ווי שטענדיק. געפועלט ביי זיך, אז עס איז פאַרפאַלן. אזוי איז עס געווען, אזוי וועט זײַן. דאָס איז דער גורל פון דער פרוי. זי האָט ליב יוסף'ן. נו, איז וואָס? איז זי דען בכוח אויף א האָר צו איבעראנדערשן איר לעבן? זי וועט וואַרטן ביז נאָך דעם קריג. ער מוז דאָך אמאָל זיך ענדיקן, דעמאָלט וועט קומען איינער פון די מענער, וואָס איז פאַרבליבן לעבן און ער וועט זײַן איר מאן. זי וועט האָבן קינדער, כאָטש זי וועט ניט וועלן, און אפשר וועט זי יאָ וועלן.

עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ווייסע האָר אין קאָפּ.
זי האָט זיי באַמערקט און זיך דערפרייט מיט זיי. בא
צוואנציק יאָר אַן אלטע יידענע! און די מאמע ביי אַכט
און פערציק...

זי איז ווידער גוט צום פאָטער. גוט צו אלע. נאָר
זי אַליין — בלאַע רעמלעך אַרום די אויגן. און די אויגן
אַליין...

ברוך־בענעדיקט זעט און האָט שמערצן. ער וואָלט גע־
וואָלט פרעגן און וואַגט נישט.

ער בענקט אליין אויכעט זער שטאַרק. עס פעלט אים
„דער יאָזעף". אויף יוסף'ן פרעגט ער נישט ריטאן. אבער
דער שרייבער...

— יאַ, אונזער דיכטער, מען זעט אים נישט!..

עס איז איר ביטער, ריטאן, אָבער נישט פאַרן פאָטער,
ניין. נאָר פאַר דער מוטער.

און ברוך־בענעדיקט, נישט האָבנדיק קיין ענטפער,
פאַקט דעם יונגן מאָריץ, מיט וועלכן ער מאַכט אַ געשפרעך.
ווי מיט... א באקאנטן, וועמען ער אירצט נישט נאָר דער־
פאַר ווייל ער איז א סך יונגער:

— מאָריץ, האסט דו דעם יאָזעף ניכט געזען?

מאָריץ האָט נישט געהערט און נישט געזען...

ריטא איז אַן עדות פון די געשפרעכן. זי גייט אָפּ
מיט בלוט.

דער אלטער קוקט זיך אבער אום אין א טאָג אז ריטא
זעט זער שלעכט אויס. ער ווערט רירעוודיקער, יונגער.

— טאכטער, וואָס האָסטו? וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט.

— ווי הייסט „גאָרנישט"? דו זעסט שרעקלעך אויס!

ריטא שווײַגט.

אין אלטן קאָפּ טוט עפּעס א ברען, ער נעמט צונויף זײַן גאנצן מוט, ער פרעגט אויס ריטאַן. און — :

— איז עפּעס ניט געשען צווישן איר מיט יוסף׳ן ?

הערט דער אלטער און שטוינט :

— הלוואי וואָלט געווען געשען !

ברוך בענעדיקט קראָכמאַל פאַרשטייט נישט נאָך א זאַך, ער האָט נאָך איין קשיא, צווישן אזויפיל ניט פאַרענטפערטע, ער וועט זי איבערקײַען בײַנאַכט.

מאָריץ איז דאָך געקומען אין א טאָג מיט א קלאָרער ידיעה :

— יוסף איז קראַנק, ער איז געפערלעך קראַנק.

זי האָט נישט געוווּסט מאַדאַם קראָכמאַל, אז איר טאָכטער האָט אזעלכע שוואַכע נערוון, פאַלן אין חלשות גאָר... זי איז אָבער אליין א שטיק דאָקטאָר און האָט א היימישע אפּטייק, עס וועט באלד איבערגייען ! נעם נאָר אָט די טראָפּן... אזוי !

און דערבײַ געטראַכט :

— מ׳דאַרף חתונה מאַכן...

נאָך אַ בלעטל מאָטל אומרו

II. מאַריאַנא

מאַריאַנע —
איך בענק נאָך דיר.

און ווען מיין בענקשאפט ווערט שטארק, גיי איך אַראָפּ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן און שטעל מיך אוועק אַקעגן די שטראַכעטן־שטיבלעך פון די גרויסע רויב־חיות, נאָר איך באמערק נישט קיין איינע פון זיי, חוץ דער פאנטערע.

דער לייב איז שטאַרק און פּראָסט, דער טיגער איז שיין און פארביסן. די פאנטערע האָט פאַנטאַזיע. זי קען רויבן און מאָרדן ווי דער טיגער און איז שטאַרק ווי דער לייב, און קען אויך זײַן צוגעבונדן ביז זעלבסטמאָרד ווי אַ קאץ.

איך שטיי אזוי לאנג פאַר די קראטעס פון איר שטיבל און ניט איין מאָל בין איך שוין געווען גרייט אריײַנצו־שטעקן מײַן האנט אין איר שטײַג, נאָר די מורא האלט מיך צוריק...

מאַריאַנע —
ווי די פאַנטערע ביזטו מיר געווען.

ווען דו ווייסט, מאַריאַנע —
ווען דו ווייסט, ווי איך האָב דײַנע טריט געהיט, ווי איך האָב געלויערט נאָך דיר אין נעכט פינצטערע, אָן האָפענונג, אין דער סכנה צו וועלכער איך אין מײַן לאַגע בין געווען אויסגעשטעלט, צענדליקער מאָל פאַרבײַ דיר זיך געשלײַכט, דײַן אָרעם באַרירט און דו האָסט אפילו מײַן שאָטן ניט באַמערקט, מאַריאַנע, מאַריאַנע —

איך בין געווען אַ שטומער עדות צו אַלע דײַנע „קאַפּריזן" (דאָס האַרץ טראָגט מיר נישט עס אָנצורופן אַנדערש...) איך האָב דיך ניט געאײַפערט, נאָר נאָכגעגאַן אַלע דײַנע גענג אין ציטערניש נאָר פאַר דיר, עס זאָל דיר קיין בייז ניט געשען — דו קוקסט מיך אָן, מאַריאַנע?.. דיך וווּנדערט עס?..
יאָ, מאַריאַנע, דו האָסט מיך אַפילו ניט געקענט. אָדער אַזוי גוט ווי ניט געקענט.

מאַריאַנע —
איך מאַך דיר ניט קײַן פאָרוואָרף, איך פרעג נאָר מיך:
— ווי אַזוי באַמערקט מען נישט אַזוי אַ מענטשן, וואָס האָט ליב?
מאַריאַנע, ווען זאָלסט וויסן, ווי שווער עס איז מיר, מאָטל אומרו הייס איך, אַזאַ וואָרט אָנצושרײַבן... איך האָב מורא פאַר אַזאַ וואָרט... ליב...
און דאָך, מײַן זעל איז אויסגעפּולט דערמיט, איך האָב ליב, מאַריאַנע —
נאָר אַנדערש ווי וואָס ניט איז און וועמען ניט איז — דיך, דיך...

וויפל יאָרן איז שוין אוועק פון דעמאלט?.. איך האָב אין דער צייט מײַן יוגנט און מיט איר מיין גאנץ לעבן געפּטרט, נאָר דיך האָב איך אלץ ליב, מאַריאַנע.

ווו ביזטו איצט? לעבסטו נאָך? וואָס איז געוואָרן פון דיר?

— מאַריאַנע

ווייל איך רעד צו דיר דורך א וואנט פון פיל טויזנ־טער טעג און נעכט און טויזנט מאָל אזויפיל מענטשן־טריט, קען איך דאָך מיט דיר אָפנהערציק זײַן... און ווײַל דו האָסט מיך ניט באמערקט, מעג איך דיר דעם אמת זאָגן:

— א י ך האָב דיך נ י ט באגערט.

עס האָט דיך באגערט דער שרייבער, אָבער וועלכע פרוי האָט ער נ י ש ט באגערט?

אפשר האָט דיך אויך באגערט יוסף...

איך ווייס ניט גאָרניט און איך זאָג ניט גאָרניט — וואָס קען מען זאָגן אויף זיכער וועגן אים?

אבער איך, מאַריאַנע, איך וואָס האָב דיך ליב נאָך איצט, כאָטש מײַן טאטע טרויערט צו מיר ארויס פונם שפיגל (טאטע, וואָס ביסטו אזוי צעשויבערט?!) — איך, מאַריאַנע, אַז איך פלעג מיר אמאָל דערלויבן אין געדאנק צו פרעגן, וואָס וואָלט איך געטון, ווען דו קומסט צו מיר און זאָגסט: נעם מיך...

— מאַריאַנע, איך פלעג מיך פילן ווי א דיאָגנעס ווען מען זאל אים קומען זאָגן אַז ער האָט געירשנט א קיניגרײַך — — —

וואָס טוט מען מיט אים?..

וועסט נישט לאַכן, מאַריאַנע?... איך האָב געגאַרט צו זײַן דער טאטע פון דײַן קינד, פון דעם קינד וואָס דײַן מאַן האָט דיר צוגעווארפן... פאַרוואָס האָב איך עס געוואלט? איך ווייס נישט, גאָרנישט ווייס איך, איך מאטל אומרו. אבער ליב געהאט האָב איך דיך, און ביז היינט.

מאַריאַנע —
איצט ווייס איך.
פאַרוואָס האָב איך דעמאלט ניט געוווסט?
איך טראַכט אַמאָל ביי מיר:
מאָטל, ווען דו האָסט מוט דעמאלט, ווער ווייסט, אפשר וואָלט מאַריאַנע זיך געווען אומגעקוקט אויף דיר, אפשר, אפשר — — —
זעסט, ווי נאַריש איך בין!
און איך בין דאָך שוי'ן ביים סאמע ענד פונם וועג. און דו, ווער ווייסט ווו דו ביזט, און וואָס דו ביזט, צי ביזטו נאָך בכלל ערגעץ פאראן?
און דאָך, מאַריאַנע, איך קען דיך ניט בײַקומען. איך קען דיך ניט ארויסטרייבן פון מיר.
איך פרעג מיך:
— מאַריאַנע, וואָס איז געווען אָט דאָס געיעג דײַנס אויף יוסף׳ן? א קאפריז אזוינער? פאַרוואָס, צוליב וואָס? און געפון נישט קיין ענטפער.
ווייל —
— מאַריאַנע, פארצײַ מיר דאָ מײַן לשון־הרע, א פארליבטער רעדט עס —
וואָס האָסטו אזוינס דערזען אויף אים? דו, שענסטע פון די ווײַבער!

מאַריאַנע!

נישט קיין אייפערזוכט רעדט אין מיר. איך האָב דיך אפילו ניט געאייפערט צו די ליידאַקעס, צו די יונגע אָפיצירלעך... ווער שמועסט צו אים! —

און דאָך: וואָס האָסטו אַזוינס דערזען אויף אים? וואָס פאַר א מאַן איז ער געווען פאַר דיר?

אָט דער אויסגעצערטער, הויט און ביין, דער שאָטן פון א מענטשן?!

מאַריאַנע —
איך האָב נישט געקענט אַנדערש...
איך האָב דיך נאָכשפּיאָנירט אין אַלע דיינע וועגן.
וואָס איז מיר געווען דאָס גאַנצע לעבן דעמאָלט?
וואָס איז עס מיר דען היינט?

מאַריאַנע, ס'האָט מיך געצויגן נאָך דיר, ווי א פאַרבלאָנדזעטער הונט ביינאַכט אין שטאָט נעמט זיך נאָך א צופעליקן דורכגייער.

ניין, מאַריאַנע, ניט אַזוי.

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מאַריאַנע?

אַז כ'האָב דיך ליב געהאַט?

נעכטיקע טעג!

און אפשר, אפשר — איך זאָג עס מיר צום צוועלפטן טויזנטסטן מאָל?! — אפשר, ווען איך וואָג... אפשר וואָלסטו געווען דערפילט ווי אַזוי איך האָב דיך ליב.

אפשר... און ווער ווייסט, אפשר וואָלט מײַן גאַנץ לעבן אַנדערש אויסגעקוקט.
שאַטנס, מאַריאַנע, שאַטנס.

— מאַריאַנע

זאָל איך בעטן ביי דיר פאַרצייַאונג?

איך האָב דיר נאָכגעשפּירט, און נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז כ'האָב דיך אָפּגעראַטעוועט פון דײַן צעררייצטן משוגענעם ברודערס כעס, ווען ער פלעג מיט דער קאַראַבינע אונטערן אָרעם דיך לויפן זוכן, ער זאָל דיך שיסן. וויפל מאָל האָב איך אים אָפּגעשטעלט:

— וואָס פאַר א יאַגד איז דאָס, אינמיטן נאַכט, מיין ליבער?

און ער פלעג א קריץ טון מיט די ציין, אָפּזאָגן א פרומען סאַקראַמענטאַ, און זיך אומקערן.

איך האָב עס דיר קיינמאָל נישט געזאָגט, נישט געוואָגט. צו וואָס?

און איך האָב דאָך דערביי מיטן לעבן געשפּילט! —

און אויך אין יענער נאַכט, ווען דו האָסט ווי א חיה, וואָס גייט פאַרצוקן, אויף יוסף'ן געלויערט און פאַרפירט אַהין אין טורעם פון דײַן קאַטעדראַלע.

— — — — — — —

— מאַריאַנע

נישט קיין דיכטער בין איך. און מיין קערפּער איז שוין אויך אזוי צעטרענצלט ווי מײַן גייסט, אויף שבעה ימים איז מײַן לעבן צעוואָרפן.

און דאָך, ווײַל איך דײַן קערפּער באַוויזגען, דײַן קערפּער, וואָס איז אויך דײַן זעל.

כ'האָב דיך ליב געהאַט, מאַריאַנע.

הער... זיי וועלן עס ניט וויסן קיינמאָל, ניט די וואָס דו האָסט געהאַט און ניט יענע וואָס האָבן דיך געהאַט, זיי וועלן ניט וויסן קיינמאָל, ווי אַזוי סע קען ליב האָבן מאָטל אומרו.

איינער, ער, וואָלט עס אפשר געקענט וויסן. און אפשר, אפשר, האָט ער עס געוווּסט...

איז עס מעגלעך? ווי מיינסטו, מאַריאַנע?

מאַריאַנע, מײַן געזאַנג צו דיר:

דײַן קערפּער, דײַן קערפּער —

— — — — — — —

מאַריאַנע, עס איז אפשר גוט אַזוי? אפשר מוז זײַן אַזוי? איך זאָל אַזוי ליב האָבן דײַן קערפּער, באַוויזן זאָל אים אַן אַנדערער און באַזינגען גאָר אַן אַנדערער?

עס וואָלט געוועזן צופיל פאַר איין מענטשן. כּדי פאַר אַ גאון, פאַר אַ געטע?

און אפשר איז אויך אַזוי גוט, וואָס דער, וועמען דו האָסט געגאַרט מער ווי אַלץ און ווי אַלע, ער, יוסף, האָט דיך אָפּגעשטויסן...

זײַ מוחל, מאַריאַנע, עס איז ניט קיין נקמה. פאַר־וואָס נקמה? דו האָסט דאָך מיך אפילו ניט באַמערקט און איך האָב ניט געוואַגט מיט דער האַנט אין דער שטײַג צו ריזיקירן, און דעם שרײַבער האָסטו דאָך אינגאַנצן בײַזײַט געשטעלט.

מאַריאַנע, אַ דאַנק דיר כאָטש דערפאַר!

ר י ט א

ריטא —

איך האָב צו דיר גאָרנישט, ריטא.

אז איך פלעג דיך זען, פלעג איך זען אין פלייש און בלוט מײַן אידעאל פון א פרוי. איך פלעג צו מיר זאָגן: אָט דאָס איז עס. אזוי דאַרף זײַן א יידיש מיידל. אָט זי װעט עס זײַן די אידעאלע פרוי פון איר מאן און די מאמע פון אירע קינדער.

ריטא —

דו ביזט ווי באשאפן געוואָרן פאַר משפחה, אויף צו זײַן א מאמע.

דו, יונג מיידל, ביזט דאָך געוועז א געטרײַע מאַמע דײַן האלב טוץ ברידערלעך, וואָס דײַן פלעגמאטישער טאטע און אש־להבהדיקע מאמע האָבן אָנגעגרייט, נאָר ווי אומיסטן כדי דו זאָלסט זיך אויסאיבן.

איז עס נאָך ווייניק, האָט דיר דער גורל צוגעשיקט אונדזערע עטלעכע, די גרויסע יתומים.

ביזטו דען נישט פון צײַט צו צײַט אויך געוועז אונדז א מאמע?

אויך מיר.

איך האָב צו דיר גאָרניט, ריטא.

אָבער וואָס איז געוועזן דער שכל דערפון, אז דו, שטיל צאַרט מיידל, דו געבוירענע מאמע, זאָלסט דיך אין יוסף׳ן פאַרליבן?.. האָסט דאָך אים שיעור נישט פאַר א טאָכטער געפאסט צו זײַן! — — —

איך האָב מיך אין דיר נישט געקענט פאַרליבן: אזעלכע ווי איך פארליבן זיך נישט אין קיין אידעאל.

און חוצדעם, ריטא, א מאן דאַרף מען נעמען, נאָכמער ווי די פרוי, וויל דער מאן גענעמען ווערן.

איצט ווייסטו עס שוין מסתם...

אָבער דעמאלט, דעמאָלט, געדענקסט? ווען דער אימפולסיווער שרײַבער האָט דיר אַמאָל, אין א מאָמענט פון פאָעטישן עקסטאַז, א קוש געטון, האָסטו א האלבן מעת־לעת אָפגעוויינט.

און דאָך... צו יוסף'ן ביזטו גאָר אנדערש געווען.

וואָס האָט דיך צו אים געצויגן?

ריטא —

אין מײַנע שלאָפלאָזע נעכט פלעג איך אַמאָל אין שפעטע שעה'ן זיך פארגנבענען אויף אײַער הויף. אלץ איז געשלאָפן. אייך מאַריאנעס פענצטער איז שוין געווען אויסגעלאָשן. אויך דאָס פענצטער פון דײַן אלטן טאטנס שטיבל... דו פלעגסט נאָך וואַך זײַן. איך פלעג דײַן סילועט דערקענען און געוווסט: דו גרייטסט אָן פאַר דײַנע ברידערלעך דעם פרישטיק... פאַריכסט עפעס... האָסט שטענדיק געפונען ארבעט. אין אזוינע שעה'ן פלעג איך וועלן א לײַכטן קלאַפ טון אין פענצטער און בעטן:

— ריטא, טײַער יידיש מיידל, קום זײַ מײַן פרוי.

איך האָב עס ניט געטון. און איצט באדויער איך עס, ריטא.

איצט זאָג איך מיר אַמאָל: ווער ווייסט... אפשר... אפשר וואָלט עס געווען גוט. אפשר וואָלט איך געווען

פֿאַרשפּאָרט צו זײַן נע־ונדי איך וואָלט קײַן אומרו נישט געווען.

און זיכער בין איך: דו וואָלסט מיר נישט געווען אָפּגעזאָגט... כ׳האָב דיר נאָר געדאַרפֿט דערציילן אַלצדינג, דיר אויסזאָגן: ריטאַ, טײַער מיידל, איך בין, ווי דו זעסט מיך, אַ גרויסער יתום, אַ בלאָנדזשער.

איך האָב עס ניט געטון, פֿאַרפֿאַלן, ריטאַ. אָבער, שטיל יידיש מיידל, עולה תמימה, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז דו האָסט דיך אין יוסף׳ן פֿאַרליבט? האָסטו דען נישט געהערט, אַז ער האָט דאָרטן אין זײַן היים אַ פֿרוי און אַ קינד? — — —

איז עס נאָך גאָרנישט, איך פֿרעג מיך האַרבערס:

— ווי אַזוי האָסטו געקענט אַזוי ענטפֿערן דײַן אַלטן טאַטן, געדענקסט, ווען ער האָט דיך געפֿרעגט — אָרימער אַלטער! — מיט אַזויפֿיל ריטערלעכקייט: „קינד מײַנס, אפֿשר איז עפּעס פֿאָרגעקומען צווישן אײַך?..“ ווי אַזוי האָסטו, דו ריטאַ, געקענט ענטפֿערן: „הלוואי וואָלט געווען פֿאָרגעקומען!“ — — —

ריטאַ, ווי אַזוי קען איך דאָס פֿאַרשטיין?

ריטאַ, טײַער יידיש מיידל —

איך טראַכט צומאָל, אַז דו ביזט גאָרנישט געווען אַזוי נאַריש, ווי אונדז האָט זיך דעמאָלט געדאַכט...

איך טראַכט צומאָל — צוליב דיר — אַז מענטשן זענען גרויסע אכזרים מיט זייער שאַצן מענטשן.

ווי אַזוי האָבן מיר געוואַגט דיך צו פֿאַרעכענען פֿאַר אַ נאַר? — — —

איך טראַכט, אז דו ביזט געווען די איינציקע חכמה צווישן אונדז אלע.

עס עפענען זיך מיר די אויגן אויף דיר, ריטא! איך הויב אָן דיך צו זען!..

איך גיב מיר אָפּ חשבון, אז אין דעם אומגעלומפּערטן, דעם משונהדיקן טראַגישן צושטאנד אין וועלכן מיר האָבן זיך געפונען, ביזטו געווען די איינציקע אויפן אָרט און די איינציקע קלאָר־זעעוודיקע. וואָרן ווער זענען מיר דען געווען, אָט די דאָזיקע אויסגעריסענע, אויסגעוואָרצלטע, אין קיין שום ריטם נישט ארייַנגעזינגענע? עס באפאלט מיך א שרעק איצט, ווען איך טראַכט: ווער זענען מיר געווען? פליטים?.. מיט וואָס פאַר א רעכט? און וווהין? און וואָס האָבן מיר געוואָלט?

איך גיב מיר אָפּ חשבון, אז מיר האָבן זיך געדאַרפט באהאלטן אין א מויזן־לאָך, זיך שעמען איינער דעם אנ־דערן אין די אויגן אריַין צו קוקן... אזוי! לייַדן האָט מען געדאַרפט. ווי ער, ווי יוסף, לכל הפחות — — —

און מיר וואָס האָבן געטון?

דער שרייַבער האָט לידער געשריבן און זיך "געליבט".

איך האָב אָדער אין פאבריק געארבעט, אָדער בשעת ס'איז קיין ארבעט נ־ט געווען, שאָך־פאנטאַזיען אויסגע־קלערט. און דורך די נעכט, דורך די נעכט מאַריאנען שפּיאָנירט —

ס'אַראַ געמיינהייט!

פון די אנדערע וויל איך נ־ט רעדן. נאָך וואָס זאָל איך דיר דייַנע ווונדן יאטערן?

און צו דערצו דײַן אש־להבהדיקע מאמע און דײַן טאטע דער פּרוש.

ווי פֿײַן, מיט וויפל איידלען טאַקט, דו האָסט אלצדינג בײַגעווינט, איבערגעטראָגן!

ריטא, עס איז שפּעט. איך פֿארשפּעטיק שטענדיק, ווי אלע אומרוס, ווי אלע וואָס אײַלן זיך. עס איז צו שפּעט, לײַדער, דיר עס צו זאָגן, אָבער זאָגן מוז איך, כאָטש אין געדאַנק:

— ריטא, אלע צוזאמען זענען מיר דיך ניט ווערט געווען. איין טרער דײַנע האָט איבערגעוויגן אלע אונדזערע טאָגענדן און אלע דיכטערס לידער.

ריטא, ריטא! ווען מען קען אומקערן צוריק... ווען מען קען!

ד י כ ט ע ר

— שלום!
און נאָכאַמאל:
— שלום!
און ווידעראַמאָל:
— שלום!

זײַ געגרוסט מיר, דיכטער!

זײַ מיר געגרוסט פֿאַר יענע יונגע טעג, וואָס מיר האָבן אינאיינעם פֿאַרבראַכט.

זײַ מיר געגרוסט.

מײַנע אײגענע יונגע טעג געדענק איך נישט מער... פֿארגעסן, אָפּגעווישט... צי בין איך דען באמת אַמאָל נאָך געווען? אָ, דיכטער!

און דו — דאָס ווייס איך אויף זיכער — דו ביזט געווען: און יונג דערצו: איך געדענק יעדע מינע אויף דײַן יונגלעש פּנים.

און פונדאַנען דרינג איך: איך בין אויך געווען, אלא נישט, ווי אזוי געדענק איך עס? ווי אזוי זע איך עס?

זאָג, דיכטער, דורך וועלכן לאָך בין איך מיר אליין אויסגערונען, אָן א סליד, ווי אין א תהום אַרײַן?.. און דו? דו אויכעט?..

— ניין!

געוויס ניין.

דו ביזט שטענדיק געווען „דאָ", אויף יעדן „אַפּעל" האָסטו געקענט ענטפערן שטענדיק: הנני!..

אָ, ווי מקנא איך בין דיר געווען! ניט אַזויפיל פאַר דײַן דערפאָלג בײַם שיינעם מין — דו האסט אים געהאט, איך בין עס מודה! — ווי אויף אָט דעם שטענדיק זײַן אין דר'היים מיט זיך, ביי זיך; אויף אָט דער קונציק פאַרשטעקטער איבערצײַגונג און זיכערקייט, אַז אלצדינג איז פאַר דיר, לכבוד דיר, צוליב דיר אָנגעגרייט.

איך האָב דיך מקנא געווען פאַר אָט דעם נגידישן התר וואָס הייסט: „אלץ קומט מיר און אלץ מעג איך און אלץ וועט מיר פאַרגיבן ווערן".

ווי אזוי וואָלט איך מיר גאָר אזוינס געקענט אָנמעסטן? — — —

און דאָך אזוי, האָב איך דיך ליב געהאט. שלום!

שלום, דיכטער!

איך טראַכט צו דיר בייטאָג און טראַכט צו דיר ביינאַכט. וועסטו מיך פרעגן, פאַרוואָס, — וועל איך ניט קענען ענטפערן. אָבער איך טראַכט צו דיר.

איך קוק אין שפּיגל, פרעג איך: דו, דיכטער, ביסטו אויך שוין אזוי גראָ ווי איך? איז דײַן געזיכט אויך אזוי צעאַקערט, אויך אזוי מאַסקירט ווי מײַנס?... אָ שאָד, א שאָד... איך האָב דאָך פאַרלוירן שוין דעם צלם אלוקים... וואָרן, זאָג, שעם דיך נישט: איז דאָס א מענטשלעך פּנים? דאָס? און ווו האָב איך עס פאַרשפּילט? ווו? אַ?

— — — — — — —

דיכטער —

ניט איין מאָל אין מײַנע וואַנדערונגען האָב איך צו דיר אריבערגערופן, ווי מען שרײַט זיך איבער אין א דאָרף אין א זומער־טאָג.

— דיכטער, האָב איך געפרעגט, טוסטו נאָך אַמאָל א טראַכט פון יוסף׳ן?

איז דער ענטפער געווען: ניין.

האָב איך געפרעגט: פאַרוואָס?

איז קיין ענטפער נישט געקומען.

אָבער איך באַשולדיק דיך נישט!

האָט דאָך ער אליין דיר געהייסן אזוי טון... ער אליין.

— „מײַן פריינט, האָט ער געזאָגט, זאָל אײַך דער גורל באַשיצן פון פריינט און פון משפּחה".

און דאָך, דיכטער, זײַ ניט ברוגז, — וואָס באַדײַט פאַר דיר איינגאַנצן א וואָרט פון א אומרו? — עס איז אפשר דיכטעריש זער גוט, זער געוונט, אָבער — ניט פאַר אונדז, ניט פאַר פּשוטע בשר־ודם׳ס.

ווען דו ביזט א פּשוטער בשר־ודם וואָלט איך דיר געזאָגט, אז אָט דאָס דאָזיקע, דײַן גאוניש פאַרגעסן, איז מחילה, ווי פלעג ער זאָגן דער אלטער עובר־בטל, א שווײַנערײַ.

דאָס איז אָבער גילטיק נאָר פאַר פשוטע מענטשן, נישט פאַר דיכטער. א דיכטער איז אויך א מאַיעסטעט פון גאָטס גנאָד. און מאַיעסטעטן זענען איבער יעדן חטא... אַמאָראַליש! בשעת מיר אנדערע, די כאָצדארגע...

נאָר ניט קיין חשבון מאָן איך ביי דיר. אויך קיין פאָרוואורפן מאַך איך דיר נישט. כאָטש, צוריק גערעדט, פאַרוואָס נישט?

אז א מאַיעסטעט פאַראַט, איז ער ניט קיין פארעטער?

און דו האָסט פאראטן. האָסט פאַראטן.

פאַרוואָס האָסטו מיר איבערגעגיבן די קליינע ירושה יוסף׳ס?.. פאַרוואָס מיר געגיבן צו טראָגן דעם שווערן עול?

האָט דאָך ריטא גערעכנט דיך פאַרן יורש און פאַר־טרויעט דיר דאָס אָרימע ביסל ערדישקייט, וואָס איז פון אים געבליבן.

פאַרוואָס האָסטו דיך מיט אַזאַ דיפּלאָמאטישער גע־שיקטקייט דערפון באפרייט און עס מיר אָנגעהאנגען? —

און דער האָן האָט נאָך נישט געהאט געקרייעט אפילו קיין איין מאָל נישט!

— — — — — — —

פון מאַריאַנעס בריוו

··· פרעמדער —

וואָס ביסטו געקומען אין מײַן היים, מיר מײַן רו צו שטערן?

פון זינט איך קען דיך איז מיר מײַן פאַרגאַנגענהייט צו׳אַ שווערער לאַסט געוואָרן. ווען איך קען זי אויסשנײַדן פון מײַן פלייש און פאַר די הינט וואַרפן!

פרעמדער, וואָס ווילסטו פון מיר?

··· יוסף.

יעדער מוסקעל פון דײַן מאָגערן קערפּער שײַנט מיר אין אַנטפּלעקונג צו פאַרבאָרגן.

איך גלוסט צו דיר — איך קען נישט אַנדערש. און איך בין מקנא דעם שטרוי־זאַק אויף וועלכן דו שלאָפסט, די פיר ווענט פון דײַן צימער, אין וועלכן דו וווינסט.

יוסף, ווען איך קען דײַן ווײַב זײַן, דײַן קינד האָבן. מײַנע אָדערן פּלאַצן פון גלוסטונג צו דיר, יוסף!

„מדרש פנחס"

מיר גייען צום שלוס פון אונדזער געשיכטע· און מערערע וועלן פרעגן, פאַרוואָס „מדרש פנחס"· און אנדערע וועלן זאָגן, אז זיי ווייסן שוין דעם סוף — געשטאָרבן...

— יאָ, געשטאָרבן, אָבער פֿאַר דעם האָט מען געלעבט· און מען לעבט··· און אז אלצדינג גייט אַהינצו — דאָס ווייסן מיר — און דאָך, מיר ווילן דערציילט ווערן און מען דאַרף דערציילן, ווייל עס זענען פאַראַן די··· לעבעדיקע!

עס איז ניט גוט צו זיין קראנק. טויזנט מאָל ערגער איז צו זײַן קראנק און עלנט. נאָר עס זײַן ביידע אין דער פרעמד, אָפגעריסן פון אייגענע, פון יענע וואָס די גאנצע נשמה איז צו זיי צוגעקניפט, דאָס איז שוין מיט קיין ווערטער ניט צום דערציילן; ווער ס'האָט עס ניט דורכגעלעבט, יענער וועט עס ניט פארשטייען.

דער אלטער קראָכמאל איז דאָך ניט געגאנגען זען וואָס דער יאָזעף מאַכט. ווי דער רוב עלטערע מענטשן,

האָט אויך ער מורא געהאט פאַרן טויט און פאַר קראנקע וואָס דאָס דערמאנט אין טויט. ער איז געזעסן אין דער היים און נאָר געקלערט פון יוסף׳ן.

אויך ריטא איז ניט געגאן צו יוסף׳ן. מיר וועלן זי ניט משפטן דערפאַר. זי האָט נאָר באַלד דערציילט מאַריאנען, און דעמזעלבן אָוונט איז שוין מאַריאנע געווען ביי אים.

זי האָט אים געטראָפן אין גרויסער היץ. ער האָט גערעדט אויף א קול, געטענהט, געבעטן עמיצן. זי האָט זיך געזעצט לעבן אים, געווישט דעם שווייס. ער איז געקומען צו זיך, זי דערקענט:

— מאַריאנע...

ער האָט זי א ריר געטון מיט דער האנט, עס איז געווען א שטיק פייער, זי האָט אויפגעציטערט.

— מאַריאַנע, ווי שפעט איז איצט?

זי האָט אים געזאָגט די שעה. ער האָט אָפגעזיפצט, באַלד ווידער גענומען רעדן, אָבער זי האָט אים באַרויקט. פאַריכט דעם אייז־פענכער אויפן קאָפּ, אים געהאַלטן ביי דער האנט און ווי געכישופט:

— ניט רעדן, ניט רעדן... רוען.

ער האָט געשמייכלט. איינגעדרעמלט.

מאַריאנע האָט זיך ארומגעקוקט, ערשט איצט באַמערקט, אז אין צימער איז דאָ נאָך א מענטש. ניט פאַרשטאַנען, פונוואַנען האָט ער זיך גענומען? זי האָט געענטפערט אויף זיין באַגריסונג. עס איז דערזעלבער, וואָס האָט זי אנומעלטן אָפגעפירט צו יוסף׳ן. זי וואָלט געקענט שווערן, אז זי האָט אים געזען אַמאָל ביי די קראָכמאַלס. איז עס נישט דער, וואָס ער שפּילט שאך?

אָבער וואָס טוט ער דאָ? איז ער ווירקלעך אזוי באפריינ־דעט מיט יוסף׳ן?

דער יונגערמאַן גייט אריבער אין דער צווייטער העלפט, צו דער באַלעבאָסטע. מאַריאַנע הערט, ווי ער האַקט עפּעס. זי שטויסט זיך אָן, אז ס׳איז אייזן. ער וויל בייטן דעם פענצער. מאַריאַנע נעמט ארויס אביסל געלט, לעגט ארונטער אונטער יוסף׳ס קישן. זי זעצט זיך ביים טיש. עפנט די דיקע דייטשע ביבל, מישט שטיל, ניט לייענענדיק; עס שווימט נאָר פאַר די אויגן: „העזעקיעל״, „מאַלאַכיי״, „מאַטהיי״. א איבערקרייץ אין טעקסט האלט אָפּ איר בליק לענגער. עס איז די שטעלע ווו עס דערציילט זיך פון יודאס פאַראַט. עס איז איבערגעקרייצט מיט א פעדער. און אויפן ראַנד איז אָנגעשריבן א באמערקונג, אָבער מיט אומפארשטענדלעכן שריפט, ווייזט אויס, אויף זיין שפּראַך, אויף יידיש.

מאַריאַנען האָט זיך געדאַכט, אז ס׳האָט א שייכות מיט דעם געלט, וואָס זי האָט נאָר וואָס ארונטערגעלעגט אונטערן קישן. זי איז געגאַנגען עס אפּירנעמען, געטראָפן אין א בריוו. אפילו נישט געעפנט. אים באהאלטן.

זי איז אריבערגעגאַן אין דער צווייטער העלפט, צו דער באַלעבאָסטע. היימיש א גלעט געטון דעם מיידאלע, גענומען אויספרעגן די פרוי ווי לאַנג ער איז שוין קראַנק. אויסגערעכנט. ס׳איז אויסגעקומען, אז ער איז קראַנק געוואָרן באַלד נאָך זייער באַגעגעניש אין שטאָט. זיך פאַרקילט דעמאלט. זיך נאָך נאָכגעפרעגט, פאַרוואָס האָט מען ניט אָפּגעפירט אין א שפּיטאָל? געהערט, אז יוסף האָט פאַר־באָטן, אָט דאָ אין דעם צימער וויל ער ליגן. זי איז צוריקגעגאַן און, אָן א שום סיבה דערצו, זיך דערמאַנט

אָן דעם מאָדנעם רעליגיעזן ביכל... פּינ... פּינקאס? א פרעג געטון גאנץ שטיל דעם יונגנמאן, צי ווייסט ער נישט ווו דאָס איז. דער יונגערמאן ווייסט, נאָר ער קנייטשט זיך, עס איז אים אביסל ניט בעקוועם, אָבער ער זאָגט דאָך:

— אונטערן קישן, צוקאָפּנס האלט ער עס.

מאַריאנע עפנט ברייט די אויגן, זי קוקט אויפן קראנקן און פילט א פחד, עפעס אין איר זאָגט, אז ער שטאַרבט, ער שטאַרבט, זי איז נאָך קיינמאָל ניט געווען לעבן א שטאַרבנדיקן, זי גייט צו נענטער צום בעט, יוסף דרייט זיך, קעמפט מיט עפעס, ער צערעדט זיך, וואָרנט:

— די קינדער!.. ברודער!..

ער כאַפּט זיך אויף, זעט מאַריאנען, נעמט איר האנט מיט דאנקבארקייט, פרעגט אויף דעם יונגנמאן. ער וויל אים זען, יענער איז שוין דאָ, ער קוקט אויף אים, איז מידי, ווערט צוריק אנשלאָפן, מאַריאנע קוקט אויף יענעם, פאָרשט מיטן בליק, יענער פאַרשטייט, שמייכלט, ענטפערט מיט א שאָקל פונם קאָפּ, זיכער:

— ניין.

ער פירט זי אָפּ, דער פרעמדער, זיי רעדן נישט צווישן זיך, אָבער אין עק פונם געסל, אויפן איבערקרייץ מיט דער גרויסער גאס, קווענקלט ער א מאָמענט: ער האָט אים געלאָזט אליין, און דער שרײַבער וועט קומען ערשט העט שפּעטער.

מאַריאנע בלײַבט שטייען א ווײַלע:

— וואָס פאַר שרײַבער?

— אונזער פרײַנט, דער פּאָעט...

מאַריאַנע וווּנדערט זיך:

— זיי האָבן זיך דען איבערגעבעטן?

יענער הויבט מיט די אַקסלען:

— זיי זענען דען געווען ברוגז?

אָבער ניט מאַריאַנען נאַרט מען אָפּ... זי גייט ווײַטער, נאָר וואַרפט מן הצד אַ קוק אויף איר באַגלייטער. זי טראַכט:

— אָט דער אויכעט?.. אַ קאָמפּליצירט פאָלק די... רוסן!

ער קומט צוריק, טרעפט יוסף׳ן אַ וואַכנדיקן. יוסף זאָגט צו אים:

— ס׳אַראַ שווערע שטראָף... אַלצדינג, אַלע מײַנע אומגליקן לעב איך איבער פאַראויס, איידער זיי פאַרווירקלעכן זיך און דערנאָך נאָך אַמאָל. אָט איז געפאַלן מײַנער אַ חבר. ער איז זיכער געפאַלן, איך האָב עס איבערגעלעבט אַזוי רעאַל.

דער יונגערמאַן האָט געקוקט און זיך ניט געגלויבט. ער האָט גערעדט, יוסף, ווי אַ מענטש מיט נאָרמאַלער טעמפּעראַטור, ניט ווי איינער וואָס האָט אָקאָרשט גערעדט פון היץ.

יוסף האָט ווייטער געזאָגט:

— עס קומט מיר אויס גלייך איך רוף אליין אויף מיר אָן אַלע מײַנע אומגליקן. איצט האָב איך דורכגעלעבט אַ רעוואָלוציע און פּאָגראָמען וואָס זענען שרעקלעכער ווי כמעלניצקיס... טײַכן יידיש בלוט. אומשולדיקע קינדער, מאַמעס פון קינדער. די מײַניקע צווישן זיי.

דער יונגערמאַן האָט נאָכגעפאָלגט יעדע מינע, גע־

שטוינט: „מיר דאַכט זיך עס אויס אזוי, אָדער ס'איז טאקע אזוי? ער רעדט רויק"... א טאפּ געטון דעם שטערן — א שרפה. געפרעגט, צי וויל ער עפּעס. ניין, ער וויל ניט גאָרנישט, חוץ:

— זינג מיר מיין מאמעס וויג־לידל. זי פלעג מיר זינגען אַ־אַ...אַ־אַ...אַ־אַ־אַ... דערמאַן דיך!

ער האָט געקרענקט לאנג. מאַריאַנע און די באלע־באָסטע האָבן אים באזאָרגט, דער שרייבער און דער אנ־דערער האָבן ביי זיין בעט געוואַכט. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן איז פרילינג געווען. די ידיעות וועגן דער רוסישער רעוואָלוציע האָבן זיך מיט קאַרגשאפט געזיפּט אויף די לייַלעכער פון די אָרטיקע בלעטער. און דעמאלט האָט זיך אָנגעהויבן דער האַרטער קאַמף צווישן אים און מאַריאַנען.

אין יענעם פרילינג האָט די גאנצע וועלט געפילט, אז עפּעס קומט אזוינס, פון גאָר גרויסן באַטייַט, אז עס גייט דער באשייד פון דעם איבערמענטשלעכן, איבערבעס־טיאלישן קאָשמאַר, וואָס איז געווען די מלחמה.

אלעמענס בליקן זיינען געווען געווענדעט אַהין צו יענעם גרויסן לאנד, וואָס איבער איין נאַכט פון א סוף ווינטער איז עס געוואָרן צום לאנד פון אויסלעזונג. איצט האָבן אַלע געפילט, אז די מלחמה גייט צום כוף. האָבן עס אלע געוואָלט?.. ניין, ניט אלע, ניט אלע, א סך האָבן ניט געוואָלט: עס זיינען געווען אזוינע וואָס האָבן נאָך

געהאט צו דערפולן דעם סכום פון זייערע פאַרדינסטן. זיי האָבן ערשט געהאט צעוויקלט זייערע געשעפטן, די אַפּע־טיטן האָבן זיך ערשט צעברענט — א קללה אויף זיי און אויף זייערע נאָכפאָלגער עד סוף כל הדורות. זאָלן זיי האָבן מלחמה אין זייערע אייגענע שטובן, פון דער יוגנט ביז אין דער גריַיז־גראָער עלטער!

און עס זענען נאָך געווען פארשידענע... און נאָך א סך האָבן מורא געהאט... פשוט אזוי מורא געהאט. פונקט ווי זיי האָבן פריער זיך געשראָקן פאַר מלחמה, האָבן זיי זיך איצט געשראָקן פאַרן שלום: צופיל האָט דער קריג געדויערט. מענטשן געוווינען זיך צו און זיי זענען קאָנ־סערוואטיוו...

אויך מאַריאנע האָט מורא געהאט.

עס איז איר געווען קלאָר, אז יוסף וועט אוועק.

— יוסף, דו ווילסט מיך פאַרלאָזן?

— מאַריאנע, איך מוז זיַין דאָרטן.

— יוסף, וואָס וועט ווערן מיט מיר?

— מאַריאנע, קום מיט אַהין.

— יוסף, בליַיב מיט מיר.

— ניין.

— יוסף, איך פארקויף מיַין צירונג, מיר פאָרן אוועק אין א נייטראַל לאנד, מיר וועלן דאָרט לעבן ווי ניַי־געבוירענע מענטשן.

— מאַריאנע, העלף מיר קומען אַהין.

— יוסף, דו... יענער, דער פריערדיקער איז גע־שטאָרבן... דו ביזט א ניַיער מענטש. ביזט מיַינער!

— מאַריאַנע, איך מוז זײַן דאָרטן.

— יוסף, ווער ווייסט וואָס סע וועט זײַן דארטן, וועסט אומקומען.

— מאַריאַנע, דארטן דאַרף איך אומקומען.

זי האָט זיך מכניע געווען, געקושט זיינע טריט, גע־בעטן און געדראָעט. ער איז געבליבן ביי זיינעם:

— אַהין דאַרף איך גיין.

אין יענער צײַט איז די מאַכט פון דער שטאָט געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט. פון די פרעמדע יונגעלייט איז אלעמאָל אן אנדערער פאַרשוווּנדן געוואָרן און מען האָט ניט געוווּסט ווי ער איז אהינגעקומען. עס זענען זער ווייניקע פאַרבליבן.

און אין איינעם אַ טאָג האָט מען גענומען יוסף׳ן.

די באלעבאָסטע האָט צווויסן געטון ביי די קראָכמאַלס. ריטא איז געלאָפן צו מאַריאַנען. נאָר פון מאַריאַנען איז קיין סלעך ניט געווען. זי איז שוין פון אַ פּאָר טעג צוריק אָפּגעפאָרן אין דער הויפּטשטאָט. זי וועט אזוי גיך ניט צוריק־קומען.

— — — — — — —

פון וואנען האָט זיך צו ריטאן גענומען אזויפיל כוח, ענערגיע, חוצפה?.. ווען איז זי אזוי רייף געוואָרן? זי איז אפילו אויסערלעך עפּעס ווי גרעסער געוואָרן, העכער, באקומען אָנזען, תקיפות...

זי האָט אויפגעהויבן די שטאָט, מאָביליזירט אלע אלטע פארבינדונגען קראָכמאַלס, אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון

די פּאַרוועניטן, די מלחמה־„פּערזענלעכקײטן". א פּאַר־פּאנצערטע, האָט זי זיך געמאַכט ווי זי באמערקט נישט אָט די אלע בליקן, וואָס די פּײַנע לײַט האָבן אויף איר געוואָרפן. גאָרניט האָט זי ניט אראָפּגעוואָרפן פון דער מדרגה: זי מוז רעטן יוסף'ן.

זי האָט אים ארויסגענומען סוף־כל־סוף, נאָר באַצאָלט פּארויס מיט א היבשן טייל פון בענעדיקט קראָכמאלס לעבנס־ערשפּארונגען, איר נדן...

עס איז אָבער געווען צו שפּעט. ער איז ארויסגעקומען א פּארטיקער. ער האָט געבעטן מען זאָל אים אָפּפירן אויף זײַן וווינונג, אין דעם אָרימען צימער.

פּאַר דער גאנצער צייט — אן ערך קארגע צוויי חדשים, לויט מאָטלען — האָט ער זיך מיט קיין איין וואָרט ניט באקלאָגט. איין מאָל נאָר האָט ער געפרעגט, צי ס'איז פאַראַן א קרעמאטאָריום אין שטאָט און אז מען האָט אים געענטפערט אז ניין, האָט ער באדויערט.

ער האָט פון צײַט צו צײַט געבעטן, דאָס מיידאלע דער באלעבאָסטעס זאָל ארייַנקומען.

ער פלעג איר א גלעט טון דאָס קעפּאלע און מ'האָט געזען בחוש, אז די ליבשאפט פון דער גאָרער וועלט ליגט אין דעם גלעט.

דאָך אין לעצטן טאָג האָט ער געבעטן, אז מען זאָל דאָס קינד אוועקשיקן פון שטוב און דערקלערט:

— עס איז מיר צו שווער.

יאָ, ער האָט אַמאָל אויך צוגערופן די צוויי יונגעלײַט,

דעם שרייבער און דעם אנדערן און, ניט באפעלעריש־נאָר אזוי ווי איינער לאָזט איבער א וואָרט, געזאָגט:

— מען דאַרף צוריקגיין אַהין... עס וועט דאָרטן זיין א סך ארבעט... און ניט אנטלויפן. בשום אופן ניט אנטלויפן...

ער האָט ביז צולעצט ניט געוואָלט זאָגן וועך ער איז און פון וואנען ער איז. און אָנגעבעטן, אז אויב מען דער־ווסט זיך אפילו, זאָל מען ניט שרייבן... און אז מען האָט אים דערקוטשעט, האָט ער איין מאָל געענטפערט:

— עס וועט ניט זיין צו וועמען — — —

— ער גייט אוועק מיט אַ גרויסן פארדראָס און מיט גרויס בענקשאפט.

דאָס האָט ריטא אַמאָל געזאָגט צו יענעם יונגנמאן. נאָר יענער האָט אליין געזען.

פאַר דער גאַנצער צייט האָט ער קיין איין מאָל ניט דערמאנט מאַריאנעס נאָמען, און ניט געפרעגט אויף די ספרים. ערשט א פאָר טעג פאַרן סוף, האָט ער א מאָן געטון מען זאָל אים ברענגען דעם „מדרש־פנחס“.

די באלעבאָסטע, וואָס האָט זיי געהאט באהאלטן, האָט זיי ביידע געבראכט, אָבער ער האָט נאָר פארלאנגט דאָס קליינע ספרל. נישט געהאט קיין כוח עס צו האלטן, האָט ער געבעטן דעם יונגנמאן און יענער האָט עס גע־האלטן פאר אים, און ער האָט אריינגעקוקט. ער האָט זיך מיט דעם ספרל שוין ניט געשיידט ביז צום סאמע לעצט. אין די לעצטע שעה'ן עס געהאלטן ביים האַרץ מיט אלע כוחות.

מאָטל פאַרצייכנט נאָך, אַז אומגעריכט פאַר זיך און פאַר אַנדערע, האָט דער שרייבער געזאָגט אַ קדיש אויפן קבר. און זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט. מיר מאַכן אים ניט קיין פאָרוואורף דערפאַר, כאָטש יוסף וואָלט עס זיכער געהאַלטן פאַר איבריק. מיר האַלטן עס נישט פאַר קיין עוולה. אַן עוולה איז, אַז מען קומט חוזק מאַכן פון אַזאַ מינוט פון מענטשלעכער שוואַכקייט. זאָל אונדז גאָט — דער גאָט פון יוסף'ן און פון אַלע יוסף'ס, אויב זיי זענען פאַראַן — באַהיטן פון אַזאַ חוזק מאַכן.

וואָס שייך די צוויי „ספרים", וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען, איז איינער אַ איינבאַנדיקע דייטשע ביבל: „די ביבעל, אָדער די גאַנצע הייליגע שריפט" א. א. וו. ער האָט זי, ווייַזט אויס, זיך נעקריגן אין געפאַנגען-לאַגער און זיך שטאַרק איינגעלעבט אין איר.

דער צווייטער ספר איז דאָס באַקאַנטע חסידישע ספרל „מדרש פנחס". עס איז צו אונדז דערגאַנגען אין אַ נע-בעכדיקן צושטאַנד: איין טעוולע אָפּגעריסן, און ס'האָט אַ פּנים ווי אַ פויגל מיט איין פליגל.

אויף דעם געבליבענעם טעוולע איז פאַרשריבן מיט יענעם כאַראַקטעריסטישן כתב, לויט וועלכע מען קען דער-קענען, אַז דער וואָס האָט געשריבן האָט געקערט צום אָרימען לומדישן גראַד — אונטן:

„לבני מחמל נפשי יוסף נ"י אשר נפשי קשורה בנפשו השי"ת זאל אים באשיצן"...

און העכער, אָפּגעריבן, כמעט ניט צום לייענען:

„שײַך • • • • פנחס בן יוסף בן אברהם” • • • • •
(װײַטער איז ניט צום לײענען).

אויף די ראנדן פונם ביבל־טעקסט זענען פֿאַראַן זעלטן־װוּ קלײנע באמערקונגען, אָנדײַטונגען װאָס איז ניט צום פֿארשטײן זײער מײן. בײ די װערטער „הויכלערײ” און הויכלער האָט ער אומעדום צוגעשריבן בײַם ראַנד „חנופה” און „חנף”. װײזט אויס, אז די העברעאישע װערטער האָבן געהאט פֿאַר אים א טיפֿערן זינען, װי די דײַטשע. עס זענען אויך אָנגעצײכנט אלע ערטער, װוּ עס רעדט זיך פֿון פֿאלשע נביאים, באזונדערס און מערער מאָל אונטערגעשטראָכן איז דער פסוק פֿון דער „דרשה אויפֿן בארג”:

„Sehet euch vor vor den falschen Propheten, die in Schafskleidern zu euch kommen, inwendig aber sind sie reissende Wölfe".

בײַ דער שטעל װוּ עס רעדט זיך פֿון יודאס פֿאראט איז איבערגעקרײצט און מיט זײַן האנט צוגעשריבן אויף יידיש:

„פֿארקויפֿט האָט אים מרים פֿון מגדלה”.

פֿון װאנען ער האָט געשעפּט די סברה, װײסן מיר נישט.

פאַרצייכנונג פון די קאַפּיטלעך:

פּאָרוואָרט . . . . ז׳ 7
פון מאָטלס א בריוו 9
יוסף 11
מאַריאַנע 31
טאַאיס 39
זשאַן קריסטאָף 48
פּאַסיאַנס 55
אין איין הויף 69
בלוט 83
ממעמקים 90
חרטה אין דער נאַכט 98
א דײַטש 105
כאַסידיזמוס 113
א בלעטל מאָטל אומרו 129
פּרוי 137
א טיר קעגן א טיר 147
נאָך א בלעטל מאָטל אומרו 159
מאַריאַנעס א בריוו 174
מדרש פּנחס 175

פון זעלבן מחבר

בלענדעניש (נאָוועלן)

די ווינער קארעטע "

גרייט צום דרוק:

ניין!... (ראָמאַן)

א גאסט... (נאָוועלן)

M. ALTMAN / **Oif di şpurn fun Motl Umru**

Midraş Pinchas

roman